גליון
# באור החיים

פרשת ואתחנן - תשפ"ו לפ"ק | גליון תת"צ

ידבנא לאור ע"י
איחוד תלמידי וחסידי טאהש

הגליון בשבוע זו נתנדב לעילוי נשמת
הרה"ק רבי אברהם אב"ש בן רבי יעקב זצ"ל פיש
היארצייט ביום י"ז אב - עש"ק עקב הבעל"ט
ובזכות זה יתברך הנדבן החשוב בכל מילי דמיטב, וימלא הקב"ה כל משאלות לבו לטובה אמן סלה

## באור פני מלך
פניני עבודה על פרשת השבוע

### עבודת הצדיקים לגלות הרחמים שבתוך הדין

**ה' הוא האלקים.**

יש לרמז, אשר בתוך שם אלקים מוסתרת שם הוי"ה, ועבודת הצדיק הוא לגלות מדת הרחמים המוסתרת בתוך מדת הדין, על ידי שיעורר רחמים על בני ישראל.

והקב"ה רוצה לשמוע דבריו של הצדיק שהוא עדיין בעולם הזה, שדווקא הוא יעורר רחמים וימליץ טוב על ישראל, וכפי שהוא יגזור מלמטה כן יקיימו בשמים ממעל. ומצינו כי לפעמים הקב"ה מביא צרה לעולם, רק מהאי טעמא כדי שהצדיק יעורר להתפלל ולבקש רחמים על בני ישראל מלתתא, ועל ידי זה יומשך עליהם שפע מלעילא, וכמו שאמרו בזוה"ק (ח"ג לא:) בעובדא דלתתא איתער עובדא דלעילא.

(פתג"ק וארא)

### כשמוח שליט על הלב מרגישין תמיד את אור ה'

**וידעת היום והשבות אל לבבך.**

פירוש וידעת היום, שתכיר את ה' אלקיך בדעתך, ואחר כך תמשיך ותשיב זאת הדעת אל לבבך, היינו לתוך המדות השוכנות בלב, להשתמש בהם לצד הקדושה.

ואם האדם אכן משליט המוחין על המדות שבלב, ומטהר את שבע מדותיו שבלבו להשתמש בהם לצד הקדושה, אזי מתגלה ומתלהב בקרבו כח ה"נקודה הפנימית" השוכנת שם בלבו, שיוכל להרגיש תמיד את אור ה' באש קודש, מה שאין כן אם מתנהג בשבע מדותיו שבלבו לצד הרע, ומגשם נפשו בתאוות גשמיות, מכסה ומסתיר בזה על הנקודה הפנימית השוכנת שם בלבו, ואינו זוכה להרגיש את אור ה' בעבודתו.

(דב"ק חנוכה)

### צריכין לעבוד את ה' בכל לב ונפש

**ואהבת את ה' אלקיך בכל לבבך.**

כתוב בפסוק ואהבת את ה' 'בכל' לבבך, וכן כתיב 'בכל' לבבכם, היינו שכל לבו של אדם צריך להיות טרוד בעבודת שמו יתברך, בכל לב ונפש ומאוד, וזאת תהא כל חיותו, לא למחצה לשליש ולרביע, וכן כתיב 'כל' הנשמה תהלל קה, וכן כתיב 'תמים' תהיה עם ה' אלקיך, תמים היינו לשון שלימות, שתעבוד את ה' אלקיך בשלימות הראוי, בכל לב ונפש, וחיוב זה מוטל עלינו בכל ימות השנה.

(דב"ק שופטים)

# שביבי אש

קורצע טרעפליכע טייטשן מתורתו
של כ"ק מרן רבינו הקדוש זיעועכי"א

**השיבנו ה' אליך ונשובה, דורכ'ן תשובה טון צום אייבערשטן, חדש ימינו כקדם, איז מען זוכה מתקן צו זיין אויך די פארגאנגענע טעג.** (פתג"ק ח"ב קכ"ה)

## דורכ'ן מקבל זיין די תורה גייט דער מענטש ארויס פון די שלטון הטבע

**אנכי ה' אלקיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים.**

עס איז ידוע וואס די מפרשים זענען מדייק, פארוואס דער אייבערשטער האט נישט געזאגט אנכי ה' אלקיך אשר בראתי שמים וארץ, וואס דאס איז א גרעסערע הוכחה אין מציאת ה' פון יציאת מצרים, ווייל ביי יציאת מצרים האט דער אייבערשטער נישט באשאפן קיין יש מאין, נאר ער האט משנה געווען די טבע מיש ליש, משא"כ ביי בריאת שמים וארץ האט דער אייבערשטער דאס באשאפן מיש לאין.

זענען די מפרשים מבאר דעם ענין יעדער לפי דרכו, און מ'קען דאס מבאר זיין לויט ווי עס שטייט די וואך אין די פרשה, אז יבדיל משה שלש ערים בעבר הירדן מזרחה שמש וגו', און די פסוק איז מסיים, וזאת התורה אשר שם משה לפני בני ישראל, זענען חז"ל מדייק וואס איז די שייכות פונעם פסוק וזאת התורה צו די פרשה פון ערי מקלט, און רש"י הק' איז מפרש, וזאת התורה, זו שהוא עתיד לסדר אחר פרשה זו, דאס מיינט אז עס גייט ארויף אויף שפעטער אויף די פרשה פון מתן תורה, און דאס דארף א שטארקע ביאור, ווייל עס שטייט וזאת מיט א ו', וואס איז מוסיף על ענין ראשון.

# דער הייליגער רבי זאגט

ילקוט אמרים מכ"ק רביה"ק זי"ע מלוקט מספרי דבי רב - באדיש

אין ספה"ק תולדות יעקב יוסף שרייבט ער, לויט ווי חז"ל זאגן (שבת קנ"ו ע"א) האי מאן דבמאדים יהי' גבר אשיד דמא, פרעגט אויף דעם דער רמב"ם אין זיין ספר שמונה פרקים להרמב"ם, אז אויב אזוי פארוואס ווען איינער הרג'ט א נפש במזיד איז חייב מיתה און בשוגג גייט מען אין גלות, אויב זיין מזל האט דאס גורם געווען איז ער א אונס, און אונס רחמנא פטרי', ענטפערט אויף דעם דער רמב"ם אז די מזל איז נישט מחייב צו טון א זאך, נאר דאס איז גורם אז די מענטש זאל זיין נוטה נאך דעם מדה, אבער די בחירה איז נאך אלץ בידו ער זאל נישט נמשך ווערן נאך דעם מדה, און דער תולדות יעקב יוסף פארענטפערט דאס אויף אן אנדערן אופן, אז באמת קען מען זאגן אז די מזל איז בעצם יא מחייב צו טון דער זאך, אבער מיט דעם וואס דער אייבערשטער האט געגעבן די תורה פאר אידישע קינדער, האט ער זיי אויפגעהויבן העכער פון די שליטת הכוכבים והמזלות.

און ממילא ווען דעם פארשטייט מען פארוואס די תורה האט מחייב געווען איינער וואס הרג'ט א נפש, ווייל אפי' איינער וואס איז געבוירן געווארן אין מזל מאדים, ליגט ער נישט אונטער די שלטון המזל.

און מיט דעם איז דער תולדות מבאר די סמיכת הכתובים, ווייל נאכדעם וואס עס שטייט די פרשה פון ערי מקלט, אז א רוצח דארף גיין גלות, קען זיין שווער פארוואס האט די תורה אים מחייב געווען צו גיין גלות, לכאורה האט דאך אים זיין מזל מחייב געווען, און ער איז א אונס, אויף דעם זאגט דער פסוק, וזאת התורה אשר שם משה לפני בני ישראל, און ווייבאלד אידישע קינדער האבן מקבל געווען די תורה, זענען זיי ארויס פון די שלטון הטבע און כוכבים ומזלות.

און לויט דעם קען מען מסביר זיין די פסוק, אנכי ה' אלקיך "אשר הוצאתיך מארץ מצרים", דווקא, ווייל דער אייבערשטער האט געוואלט מיט דעם אויסלערנען אידישע קינדער, אז אזוווי ביי יציאת מצרים, האט דער אויבערשטער מכניע געווען די שלטון הטבע, און געוויזן פאר זיי נסים ונפלאות שלא כטבע הבריאה, אזוי אויך דורך דעם וואס זיי זענען מקבל די תורה, גייען זיי ארויס פון אונטער די שלטון הטבע, און די טבע איז נישט שולט אויף זיי, נאר זיי זענען שולט אויף די טבע.

און מ'קען מוסיף זיין צו מפרש זיין דעם ענין אינעם פסוק אליין, אנכי ה' אלקיך "אשר הוצאתיך מארץ מצרים", 'מצרים', איז א לשון מיצר וגבול, דאס מיינט די גבול פונעם טבע, האט זיי דער אייבערשטער געזאגט, אנכי ה' אלקיך, 'אשר הוצאתיך מארץ מצרים', אז דורך דעם וואס איך גיב ענק די תורה, צי איך ענק יעצט ארויס פון ארץ מצרים, וואס דאס מיינט די מיצר וגבולות הטבע.

(עבו"ע פתג"ק)

# א וואָרט צום שבת טיש

געקליבענע תורות און מעשיות נאכצוזאגן ביים שבת טיש

# א תורה אויף די פרשה

## פרשת ואתחנן - שבת נחמו

מ'קען זאגן א טעם פארוואס שטענדיג אין די וואך וואס מ'ליינט פרשת ואתחנן געפאלט אויס שבת נחמו. לויט ווי ס'איז באקאנט, טאר מען נישט לערנען אין תשעה באב די געווענליכע לימודים, ווייל תורה איז משמח א מענטש.. דעריבער וויל מען ווייזן מיט'ן ליינען פרשת ואחתנן, ווי עס שטייט די עשרת הדברות, אז די טעג פון אבילות זענען שוין אדורך, און מיר שטייען שוין ווייטער גרייט צו לימוד התורה וקבלת התורה.
(עבודת ישראל)

*

### רב לך.

ווי באקאנט איז משה רבינו געווען ספעציעל אויסגעצייכנט אין די מדה פון ענוה, דעריבער האט אים דער אייבישטער געזאגט, אז דא אין מדבר ווי אלע אידן האבן צוזאמען געלערנט, איז נישט געווען אזא גרויסער נסיון זיך צו האלטן שטאלץ, אבער ווען מ'גייט אריין אין א"י, און יעדער ווערט פארנומען מיט זיינע פעלדער, און משה רבינו וועט ווייטער פארבלייבן אלס יושב אוהל, קען ער נאך ח"ו צוקומען צו גיאות.

דעריבער האט אים דער אייבישטער געזאגט 'רב' לך, דו קענסט נאך צוקומען צו די מדה פון 'רב' דאס מיינט גיאות, דעריבער, 'אל תוסף דבר אלי עוד', ווייל דו קענסט נישט אריינקומען אין ארץ ישראל.
(אך פרי תבואה)

*

### ועתה ישראל שמע אל החוקים וגו' למען תחיה.

די נשמה וואס איז א חלק אלקי ממעל, וויל כסדר ארויסגיין פון מענטש און גליסט צוריק צו גיין צו איר שורש, און נהנה זיין מזיו השכינה. אבער דורך דעם וואס א איד לערנט תורה, ברענגט ער די שכינה צו זיך, און בארואיגט דערמיט די נשמה, אז זי זאל נישט וועלן אנטלויפן פון אים.

דאס איז דער רמז, 'שמע אל החוקים', וועט די שכינה רוען צווישן דיר, וואס דאס וועט גורם זיין 'למען תחיה', איר זאלט לעבן, און די נשמה וועט נישט וועלן אנטלויפן.
(עצי החיים)

*

### ואתם הדבקים בה' אלקיכם חיים כולכם היום.

אין די פרשה פון קריאת שמע איז דא 248 ווערטער [ווען מ'רעכענט עס צוזאמען מיט אמת], און דורך דעם וואס מען זאגט עס יעדן טאג, לייגט מען אריין א חיות אין די 248 איברים פון א מענטש.

דאס איז דער רמז פון פסוק, 'ואתם', וואס דאס איז די אותיות 'אמת', 'הדבקים', זאל מען באהעפטן, 'בה' אלקיכם', און מ'זאל זאגן 'ה' אלקיכם אמת', און דורך דעם וועט זיין, 'חיים כולכם היום', לייגט מען אריין א חיות אין אלע 248 איברים.
(דגל מחנה אפרים)

# א מעשה אויף די פרשה

## ואתם הדבקים בה' אלקיכם

אין ספר אוהל נפתלי ווערט דערציילט די פאלגענדע מעשה, אמאל האט זיך געמאכט אז דער הייליגער ראפשיצער רב זי"ע האט געדארפט דורכפארן די שטאט פונעם גבאי צדקה פון ר' מאיר בעל הנס, ר' פנחס סאמעטער ז"ל, האט ר' פנחס זיכער געמאכט אז ער זאל זיך טרעפן מיטן הייליג'ן ראפשיצער רב. אבער דער ראפשיצער רב האט




באפוילן זיין בעל עגלה אז ער זאל זיך בשו"א נישט אפשטעלן אינמיטן וועג, נאר ווען מ'דארף געבן צו עסן פאר די פערד.

ווען ר' פנחס האט באמערקט אז דער בעל עגלה וויל זיך נישט אפשטעלן, האט ער געהייסן פאר זיין בעל עגלה אז ער זאל מיטן וואגן פארשטעלן דעם וועג פונעם ראפשיצער רב'ס וואגן, אז ער זאל זיין געצווינגן זיך אפצושטעלן. ווען דער בעל עגלה האט דאס באמערקט, האט ער אנגעהויבן צו שרייען קולות, "ווי נעמט מען די חוצפה פון שטערן דעם וועג פארן צדיק, דעם ראפשיצער רב". אינמיטן האט ר' פנחס באוויזן אריינצושפרינגען אין וואגן פונעם ראפשיצער רב און געוויזן זיין קוויטל, און דער ראפשיצער רב האט אים אנגעוואונטשן און איז ווייטער געפארן פון דארט.

צוואנציג יאר זינט די מעשה, און פאר ר' פנחס האט זיך נישט איינגעגעבן צו פארן קיין ראפשיץ, נאך אזויפיל יארן האט ער ענדליך זוכה געווען צו פארן צום רב, ווען דער צדיק האט אים אויפגענומען האט ער מיט א שמייכל זיך אנגערופן "ברענגט א בענקל פאר ר' פנחס ער פארט שוין צוואנציג יאר קיין ראפשיץ, ער איז זיכער זייער מיד, זאל ער זיצן".

שבת צופרי ביי קריאת התורה האט דער רב איהם אויסגערופן צו די תורה, מיט זיין נאמען "פנחס אריה בן ר' יעקב הכהן" ווען ער האט זיך געוואונדערט פון וואו דער רבי געדענקט זיין נאמען, האט אים דער צדיק געענטפערט אפילו די נאמען פון אייער מאמע געדענק איך גוט, ווייל ווען איך באגעגען א איד וואס געפעלט מיר, מאך איך א סימן אז איך זאל אים נישט פארגעסן. פאר אייך האב איך געמאכט א סימן מיט'ן פסוק "ואתם הדבקים בה' אלקיכם", וואס איז בגימטריא "פנחס אריה בן שרה", און אזוי ווי ס'שטייט דאך "שויתי ה' לנגדי תמיד". איז מיר אייער נאמען פארבליבן אין זכרון.

*

## רק עם חכם ונבון הגוי הגדול הזה.

אין איינע פון די אידישע שטעט האט אמאל פאסירט אז דער גלח - זייענדיג א שונא ישראל, האט אנגעטראגן פארן קעניג, אז מען זאל פירן א וויכוח מיט די אידן אויף א וועג פון רמזים, מ'זאל נישט מעגן ארויסרעדן א ווארט פון מויל, מ'דארף זיך פארשטיין אויפ'ן ווינק, און ווען די אידן וועלן דורכפאלן, דארפן זיי ארויסגעטריבן ווערן פון די שטאט.

ווען די גזירה איז אנגעקומען צו די אידן, האבן זיי גוזר תענית געווען, און געבעטן פונעם בוכ"ע אז די גזירה זאל צושטערט ווערן, און דער גלח זאל באקומען א מיתה משונה.

אין יענעם טאג וואס דער וויכוח האט געדארפט פארקומען, איז דורכגעפארן א פשוט'ער בעל עגלה אינעם שטעטל, און דער בעל עגלה האט זיך אנגעטראגן אז ער וויל פירן דעם וויכוח מיט'ן גלח. קיין גרויסע אויסוואל ווער עס זאל דאס פירן איז סיי ווי נישט געווען, האט מען אים צוגעלאזט.

גלייך ווען דער וויכוח האט זיך אנגעהויבן, האט דער גלח צום ערשט אויפגעהויבן זיינע צוויי פינגער, אלע האבן פארשטאנען אז דאס מיינט אז ס'איז ח"ו פארהאן צוויי באשעפער'ס (עפ"ל), האט דער בעל עגלה אויפגעהויבן איין פינגער, וואס דאס האט געדארפט מיינען אז ס'איז נאר פארהאן איין באשעפער, האט דער גלח געעפנט זיין האנט, און געוויזן פאר דעם איד א סימן, אז די אידן זענען אויסגעשפרייט בכל קצוי תבל. דער איד'ל האט אים געוויזן א צוגעמאכטע האנט, מיינענדיג דערמיט צו ווייזן אז עס וועט נאך קומען א צייט וואס דער אייבערשטער וועט צוזאם נעמען די אידן. האט דער גלח ארויסגענומען רויטע וויין פון זיין טאש, אנצודייטן אז די אידן זענען פארפלעקט פון עבירות, וועלכע איז גלייך צו רויט. דער איד האט ארויסגענומען א שטיקל ווייסע קעז פון זיין טאשקע, מיינענדיג צו ווייזן אז מיר קענען ווייס מאכן די עבירות דורך תשובה. דער גלח איז געבליבן מיט'ן צינג אינדרויסן, און די פארזאמלטע האבן הילכיג אויסגעשאסן אין א געלעכטער, און דער גלח האט געהאט זיין פארדינטע מפלה.

ביי די סעודת הודאה וועלכע די אידן האבן געפראוועט לכבוד דעם נס, האט מען אויסגעפרעגט דעם איד, פון וואו ער האט אזוי גוט געוואוסט צו ענטפערן פארן גלח? האט ער זיי געענפערט, גאנץ פשוט. ער האט מיר געוויזן צוויי פינגער, דאס מיינט אז ער גייט מיר ארויסנעמען די צוויי אויגן, האב איך אים געוויזן איין פינגער. ווען ער האט מיר געוויזן זיין אפענע האנט, אז ער גייט מיר געבן א פראסק, האב איך אים געוויזן מיין פויסט, אז איך קען אים דערמיט דערלאנגען. ווען ער האט איינגעזעהן אז ס'וועט נישט גיין מיט בייזן, און מיך פרובירט משחד צו זיין מיט אביסל וויין, האב איך אים געוואלט צוריק געבן א מתנה, א שאכטל קעז. ערשט דאן זענען די שטאטלייט געוואר געווארן וואס פאר א נס עס האט פאר זיי פאסירט.

דער רב פון שטאט האט דערמיט אויסגעטייטשט דעם פסוק, 'כי היא חכמתכם ובינתכם לעיני העמים', די גאנצע חכמה וואס די אידן האבן אקעגן די פעלקער, איז נאר דורך 'אשר תשמעון את כל החוקים האלה', נאר דורך שמירת התורה והמצות, וואס דאס היט דעם איד אין זיינע שווערע זמנים.

*

## ושבת עד ה' אלקיך ושמעת בקולו.

הגאון ר' שלום שוואדראן ז"ל פון ירושלים האט דערציילט, אז איינער פון די תלמידים פונעם חפץ חיים ז"ל האט זיך אמאל פורים שטארק אנגעטרינקן. זייענדיג היבש בגילופין האט ער זיך אריינגעריסן צום חפץ חיים אין שטוב, און פארפירט אז ער גייט נישט פון דא ארויס ביז דער רבי וועט אים צוזאגן אז ער וועט האבן די זכי' צו זיין צוזאמען מיט'ן רבי'ן אין גן עדן. מ'האט פרובירט מיט אלע כוחות אים ארויסצושיקן פון שטוב, אבער ס'איז נישט געגאנגען, ער רירט זיך נישט פון פלאץ.

צום סוף האט זיך דער חפץ חיים אנגערופן, איך בין מסכים צו דיין געדאנק, דו קענסט זיצן נעבן מיר אין גן עדן, אבער מיט איין תנאי, אזוי ווי די לעצטע זיבעציג יאר בין איך שטארק נזהר אפילו אין אבק לשון הרע, קען איך נישט זיצן אין גן עדן נאר נעבן אזא איינעם וואס איז אויך געווארענט דערין. אויב קענסטו זיך אינטערנעמען, בין איך מסכים. דער בחור איז דאס נישט געפאלן, און ער האט זיך שנעל ארויסגעזעהן פון רבינ'ס שטוב.

האט דער חפץ חיים אויסגעפירט, אז מ'וויל צוקומען צו 'ושבת עד ה' אלוקיך' מוז זיין 'ושמעת בקולו'.

*

## כבד את אביך ואת אמך.

די תלמידים פונעם יהודי הקדוש זי"ע וועלכע האבן געלערנט ביי זייער גרויסן רבי'ן, האבן שוין געוואוסט דעם דרך פון זייער רבי'ן אז ווען ער פארטיפט זיך אין א קשיא אין די גמרא, פארזוימט ער זיך אין א מורא'דיגע דביקות, און טאקע דערפאר איז אמאל איינער פון די תלמידים, וועלכער איז ל"ע געווען א יתום פון זיין טאטע, אוועקגעגאנגען פון שיעור, בשעת אזא דביקות, טראכטענדיג אז ער וועט נאר אויף איין מינוט גיין א בליק טון וואס זיין מאמע די אלמנה טוט, און גלייך נאך דעם צוריק קומען צום שיעור.

זייענדיג ביי זיין מאמע האט זי אים געבעטן אז ער זאל ארויפגיין אויפ'ן בוידעם, און איר אראפברענגן א געוויסע זאך וואס זי האט געדארפט, מיט דעם אלעם וואס דער תלמיד האט געוואוסט אז "יעדע מינוט איז טייער פאר אים", און ער קען נאך אנקומען צום שיעור ווען דער רבי וועט שוין לערנען ווייטער, האט ער נישט אפגעזאגט די מאמע, נאר אויסגעפאלגט די מאמע'ס בקשה, און ערשט דערנאך צוריקגעגאנגען.

אנקומענדיג צום בית המדרש, האט אים אויסגעזעהן ווי ס'איז נאך שטיל, און דער רבי איז נאך אלץ פארטיפט אין זיין דביקות. אבער ווי נאר ער האט געעפענט די טיר, האט זיך דער יוד הקדוש אויפגעשטעלט פאר אים, און גלייך אויסגרופן, 'יעצט איז מיר פארענטפערט געווארן די קשיא', און זיך מסביר געווען, 'ס'איז באקאנט אז דער אמורא אביי האט נישט געהאט קיין עלטערן, ווי די גמרא זאגט אין מסכת קידושין (ל"א), אז די ר"ת פון א'שר ב'ך י'רוחם י'תום איז אביי, און ער האט נישט געקענט מקיים זיין די מצוה פון כיבוד אב ואם, דערפאר, ווער ס'איז מקיים די מצוה ווי ס'דארף צו זיין, באגלייט אים אביי, כדי צו האבן א חלק אין די מצוה, דעריבער ווען דער בחור - וועלכער האט יעצט מקיים געווען די מצוה - איז אריינגעקומען, און אביי איז מיטגעקומען מיט אים, האט ער מיר פארענטפערט די קשיא וואס איז מיר שווער געווען'.

המדור הזה נתנדב ע"י מוה"ר **אברהם שווארץ** הי"ו (קרית יואל)
לרגל שמחת אירוסי בנו החתן יודא יושע ני"ו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

# ביאור הלכה

הלכות וביאורים מתוך ספרי בית נאמן בישראל
אשר עדיין לא ראו אור הדפוס
מאת הגאון הגדול דומ"ץ קריתינו הק' שליט"א

## חמשה עשר באב

### די יום טוב פון שידוכים

די משנה זאגט אין מסכת תענית "לא היו להם לישראל ימים טובים כחמשה עשר באב וכיום הכיפורים", ס'איז נישט געווען אזעלכע גרויסע ימים טובים ביי די אידן, ווי חמשה עשרה באב, און יום כיפור, ווייל אין די צוויי טעג זענען די אידישע טעכטער פון ירושלים ארויס געגאנגען געקליידעט מיט ווייסע קליידער, און זיי האבן געזאגט "בחור, שא עיניך וראה מה אתה בוחר לך", בחור! הייב אויף דיינע אויגן און קוק וואס דו וועהלסט דיר אויס, קוק נישט אויף שיינקייט, קוק נאר אויף די משפחה (משנה מסכת תענית כ"ו ע"ב).

די ספרים הקדושים שרייבן אז פון די גמרא זעט מען אז חמשה עשר באב און יום כיפור זענען טעג וואס זענען מסוגל פאר גוטע שידוכים, מען קען אין די צוויי טעג זיך אויסבעטן אז מען זאל זוכה זיין צו א גוטע זיווג, מיט אלע מעלות בקרוב ובניקל.

און אזוי ווי מיר שטייען יעצט פאר חמשה עשר באב, דעריבער האבן מיר געשריבן בעזהי"ת אין דעם מאמר, פארשידענע ענינים הלכות והדרכות, און וויכטיגע אנווייזונגען וואס זענען גילטיג ביים אנטראגן שידוכים, און ביים געבן אינפארמאציע, וואס מחסרון ידיעה זענען לײדער אסאך נכשל, און ווייניג מענטשן זענען באקאנט אין דעם, דער אייבערשטער זאל העלפן אז דאס זאל זיין א זכות פאר די אלע וואס דארפן א טון א שידוך, אז זיי זאלן געהאלפן ווערן מיט א זיווג הגון בקרוב.

### הקב"ה מזווג זיווגים

עס שטייט אין מדרש, א מלכה (מטרונתא) האט געפרעגט דעם הייליגן תנא רבי יוסי בר חלפתא, אין וויפיל טעג האט דער אייבערשטער באשאפן די וועלט, האט ער געענטפערט, אין זעקס טעג, האט זי ווייטער געפרעגט, און וואס טוט דער אייבערשטער פון דעמאלסט ביז היינט, האט רבי יוסי געענטפערט, ער זיצט און איז מזווג זיווגים (מד"ר פרשת צו פרשת ח').

* די מדרש דערציילט דארט ווייטער, אז די מלכה האט געפרעגט רבי יוסי'ן מיט וואונדער, וואס איז די גרויסע שוועריגקייט פון מזווג זיין זיווגים, דאס קען איך דאך אויך טון, זי האט צוזאמען גענומען טויזענט פון אירע קנעכט און טויזענט דינסט, און זי האט זיי אלע צוזאמען געפארט אין איין נאכט, און זיי חתונה געמאכט, און זיי אהיים געשיקט.

דעם אנדערן טאג זענען זיי אלע געקומען צו די מלכה צוהאקט און צובאלט, האט זיי די מלכה געפרעגט, וואס איז מיט אייך געשען, האבן זיי זיך באקלאגט און געזאגט, מיר האבן זיך נישט געקענט פארגלייכן, און עס האט אויסגעבראכן א קריג צווישן אונז, אונז קענען נישט ווייטער לעבן צוזאמען.

האט די מלכה זיך אנגערופן, ס'איז נישטא אזא גאט ווי די גאט פון די אידן, וואס ווען ער שטעלט צוזאמען א זיווג, זעט ער אז זיי זאלן לעבן א גליקליכע לעבן.

### בת פלוני לפלוני

אויך שטייט אין די גמרא (כתובות כ"ח ע"ב, ועוד), אז פערציג טעג איידער א קינד ווערט באשאפן, רופט אויס א בת קול אין הימל און זאגט, בת פלוני לפלוני, די טאכטער פון דעם און דעם מענטש, איז פאר דעם און דעם.

זעהן מיר פון דעם, אז דער ענין פון שידוכים ווערט געפירט דורכן הייליגן באשעפער אליין, און דאס ווערט באשטעטיגט דורך די גאנצע פמליא של מעלה דורכן בת קול.

קומט אויס אז דער וואס העלפט צו, אז עס זאל אויסגעפירט ווערן א שידוך, דער האט א חלק אינעם אויספירן דאס וואס דער אייבערשטער האט מזווג געווען.

צוליב דעם האט מען אין אלע דורות גערעכנט א שדכן פאר א חשובע'ר מענטש, וויבאלד ער פירט אויס דאס וואס דער אייבערשטער האט מזווג געווען.

* עס ווערט דערציילט, אז רבי יהושע'לע פון בעלזא זי"ע פלעגט זיך פירן, ווען עס פלעגט קומען צו אים א שדכן, מציע זיין א שידוך פאר איינע פון זיינע קינדער, האט ער אים מכבד געווען מיט לעקעך און בראנפן, און ער האט געזאגט, די חז"ל זאגן דאך אז "הקב"ה יושב ומזווג זיווגים", דערפאר ווען עס קומט א מענטש און ער איז עוסק אויס צו פירן דעם אייבערשטנס שליחות, קומט אים א כיבוד (עזר מקודש עמוד מ"א).

אויך ווערט דערציילט אז דער חזון איש זצ"ל איז אמאל געגאנגען אנטראגן א שידוך, האט ער זיך אנגערופן "לאמיר גיין עוסק זיין מיט דעם וואס דער אייבערשטער עסק'ט זיך".

### די מצוה פון עוסק זיין אין שדכנות

עס ווערט געברענגט אז עס איז א מצוה עוסק צו זיין אין שידוכים, און יעדער וואס האט די מעגליכקייט צו צוהעלפן אז עס זאל אויסגעפירט ווערן א שידוך, וועט באקומען גרויס שכר דערפאר (שלחן העזר ח"א סימן ג' ס"ק א').

### עסקת בפריה ורביה

די גמרא זאגט (שבת דף ל"א) אז ווען א

מענטש קומט ארויף צו בית של מעלה, פרעגט מען אים איינע פון די שאלות "עסקת בפריה ורביה" האסטו עוסק געווען אין די מצוה פון פריה ורביה, זאגט דער מהרש"א אז די שאלה איז, צי מען האט עוסק געווען אז אנדערע זאלן קענען מקיים זיין די מצוה פון פריה ורביה, האט רביה"ק מסאטמאר זי"ע געזאגט אז דאס גייט ארויף אויך צי מען האט עוסק געווען אין שדכנות, און מען האט געזען אז אנדערע זאלן אויך קענען מקיים זיין די מצוה פון פריה ורביה (הבית בהבנתו עמוד ל"ט).

ווי באקאנט זענען געווען גדולי הדור וואס האבן עוסק געווען מיט שדכנות, און אזוי ווערט געברענגט אז דער הייליגער מהרי"ל האט עוסק געווען אין שדכנות, און דאס איז געווען זיין עיקר פרנסה (מנהגי מהרי"ל, חנוכה אות א').

* דער מהרי"ל פלעגט אויספירן זייער אסאך שידוכים פאר די אידן אין זיין לאנד דורך שרייבן בריוון פאר ביידע צדדים, און זיי אנגעטראגן שידוכים, ער פלעגט שרייבן אז ער קען פערזענליך די בחור און די מיידל, און ער האלט אז דאס איז זייער א פאסיגע שידוך, און מען האט זיך שטארק גערעכנט מיט זיין אויסוואל.

און אויף די פראגע פון ווי האט ער טאקע געקענט יעדע בחור און יעדע מיידל, דאס איז ווייל ווען עס איז געבוירן געווארן א קינד, איז ער געגאנגען וואונטשן מזל טוב פרק די יולדת, און דעמאלטס האט ער געקוקט אויפן קינד, און פון דארט האט ער זיי געקענט, כאטש ער האט זיי מער נישט געזען.

עס ווערט געברענגט, אז דער הייליגער חתם סופר זצ"ל, האט איין יאר ערב יום כיפור נאך מנחה געבעטן זיין משמש בקודש ער זאל שיקן צו אים איינע פון די חשוב'ע בחורים פון זיין ישיבה, דער חתם סופר האט געזאגט פארן בחור, עס איז דא ביי אונז אין שטאט א יתומה, וואס האט נישט ווער עס זאל זארגן פאר איר, דעריבער וויל איך איר יעצט אנטראגן פאר דיר, ווען דער בחור האט מסכים געווען, איז דער הייליגער חתם סופר געווארן מלא שמחה, און ער האט געזאגט, יעצט קען איך צו גיין צום יום הדין, און די זכות פון די גרויסע מצוה, נעם איך מיט מיר צום יום הדין (חוט המשולש).

אויך ווערט געברענגט אז יעדע שידוך ווערט אויסגעפירט נאר דורך דעם שדכן וואס מען האט באשטימט פון הימל אויס צו פירן דעם שידוך, (קובץ מבקשי אמונה, ניסן תשנ"ח), איבער דעם ווען עס פאלט איין פאר א מענטש עפעס א שידוך, זאל ער משתדל זיין עוסק צו זיין אין דעם, אדער זאל ער עס כאטש איבער געבן פאר איינעם וואס איז עוסק אין שדכנות.

* עס ווערט דערציילט, אז איינער האט זיך באקלאגט פארן חזון איש זצ"ל, אז ער איז עוסק מיט שדכנות, און ער פארברענגט דערמיט זייער אסאך צייט, און עס שטערט אים פון שטייגן אין די תורה, האט אים דער חזון איש געענטפערט, ווען איינער איז עוסק אין שדכנות וואס דאס איז א חלק פון רצון ה', אין דעם זכות איז ער זוכה מצליח צו זיין אין די תורה, און דאס וואס ער פארלירט אין די צייט וואס ער איז עוסק אין א שידוך, וועט אים דער אייבערשטער אלעס משלים זיין, און עס וועט אים גאר נישט פעלן פון זיין הצלחה אין תורה.

## א סגולה צו קינדער תלמידי חכמים

עס ווערט געברענגט פונעם הייליגן רבי'ן פון לובלין זי"ע, אז א שדכן וואס טראגט אן א שידוך, און ער האט אינזין לשם שמים, איז דאס א סגולה אז ער זאל האבן קינדער תלמידי חכמים (ספר אבני זכרון, אות תש"ב).

## באצאלן פארן שדכן

עס איז וויכטיג מעורר צו זיין, אז אויסער דעם וואס מען דארף באצאלן פארן שדכן על פי הלכה, איז דאס מסוגל פאר די הצלחה פונעם שידוך, עס זענען באקאנט אסאך מעשיות וואס זענען פארגעקומען פארשידענע שוועריגקייט פאר די פאר-פאלק, צוליב דעם וואס מען האט נישט באצאלט פארן שדכן (ספר דברי יחזקאל החדש עמוד שצ"ה).

* עס ווערט דערציילט אז א אינגערמאן האט זיך אויסגערעדט פארן חזון איש זצ"ל, אז ער האלט שוין עטליכע יאר נאך די חתונה, און ער איז נאך נישט געהאלפן געווארן מיט קינדער, האט אים דער חזון איש געפרעגט, צי ווייסטו אויב מען האט באצאלט שדכנות געלט פאר דיין שדכן, האט ער אים געענטפערט אז זיין שדכן איז געווען זיין קרוב, און דעריבער האט מען אים נישט געדארפט באצאלן, האט אים דער חזון איש געזאגט, שדכנות געלט דארף מען געבן פאר סיי וואס פאר א שדכן, אפילו ער איז א נאנטער קרוב, דער אינגערמאן האט באצאלט פאר זיין שדכן, און א יאר דערויף האט ער געהאט א קינד למזל טוב.

* דער הייליגער סטרעליסקער זצ"ל (ספר אמרי קודש השלם) האט געזאגט, אז באצאלן שדכנות, איז א סגולה אז די קינדער זאלן זיין גוט.

## געצאלט פאר יעדן שדכן

עס איז באקאנט אז דער הייליגער צאנזער רב זי"ע פלעגט געבן א סכום געלט, פאר יעדן שדכן וואס האט אים אנגעטראגן א שידוך פאר איינע פון זיינע קינדער, און ער האט געזאגט דעם טעם, ווייל יעדע שידוך וואס מען טראגט אן העלפט צו דערנענטערן צו די ריכטיגע שידוך, דעריבער האט א חלק אין די שידוך.

* מען דערציילט אז ס'איז געווען א ארימע איד, וואס ס'איז אים איינגעפאלן, ער וועט אויך גיין צום הייליגן דברי חיים און אנטראגן עפעס א שידוך וואס ס'איז אים בייגעפאלן, כאטש ער האט געוויסט אז דאס איז בכלל נישט קיין פאר, און ער וועט באקומען שדכנות געלט א שיינע מטבע, האט אים דער צאנזער רב געזאגט, קיין שדכנות געלט וועל איך דיר נישט געבן, ווייל איך גיב נאר פאר א זעלכע שדכנים וואס טראגן אן אזא שידוך וואס איז איינגעפאלן

פאר די מלאכים, און דעם שידוך האסטו אליין אויסגעטראכט, אבער איך וועל דיר געבן א שיינע סכום פאר צדקה, זאלסט קענען שפייזן דיינע בני בית.

* הרה"ק רבי איציקל ווארקער זצ"ל האט זיך אויך אזוי געפירט, אז ער האט געגעבן צוויי גילדן פאר יעדן וואס האט אנגעטראגן א שידוך פאר זיינע קינדער, איינמאל פרייטאג האט א גביר פון שטאט וואס איז ליידער געווארן א יורד נישט געהאט שבת צו מאכן, האט ער מחליט געווען אז ער וועט גיין צום רבי'ן און אנטראגן עפעס א שידוך פאר זיין זון רבי מנחם מענדל, די טאכטער פון א גביר, אזוי ארום וועט ער קענען שבת מאכן מיט די צוויי גילדן.

רבי איציקל האט אים געזאגט, די שידוך איז נישט אוועק צו מאכן, איך וועל אריין קוקן אין דעם, נאך שבת וועל איך דיר ענטפערן.

דער איד האט זיך נישט געקענט איינהאלטן און געזאגט דעם אמת, פארוואס קומט זיך מיר נישט שדכנות געלט אזוי ווי דער רבי גיט פאר יעדן וואס טראגט אן א שידוך, איך דארף די צוויי גילדן פאר הוצאות שבת.

האט אים רבי איציקל געענטפערט, איך גיב פאר יעדן שדכנות געלט 2 גילדן ווייל יעדער שדכן איז מקרב צום שידוך, אבער די שידוך וואס די האסט מיר אנגעטראגן דאס זעט אויס אז דאס האט מען אויסגערופן ארבעים יום לפני יצירת הולד, דעריבער וויל איך מיך מער אינטערעסירן, און אז עס וועט ווערן וועל איך דיר געבן די פולע שדכנות געלט, למעשה איז די שידוך געשלאסן געווארן, צווישן הרה"ק רבי מענדעלע ווארקער, מיט די טאכטער פון דעם גביר, און דער איד האט באקומען שדכנות בשלימות.

**המשך יבוא אי"ה**



# פתיחת כלים בשבת

בו יתברר האיך לפתוח בשבת כל מין כלי כדרכו ואופנו
נכתב ע"י הרה"ג ר' **נתן ירמי' גאלדשטיין** שליט"א בעל מח"ס מגדנות נתן

המשך משבוע העבר

## סעיף ט

**עפענען באקסעס** [סאדע, וויין, גרעיפ-דזשוס, פרוכט, א.ד.ג.] **פון קארדבארד** [קארטון] **וואס איז צוגעקלעבט מיט טעיפ.**



[בילד 1]

מען טאר נישט אראפנעמען אדער אריינשניידן אין די טעיפ (צוליב די איסור פון קורע).

עס איז דא פיר עצות ווי אזוי מען קען עס עפענען:

**עצה א:** מען קען אריינרייסן אין די באקס אליין, און ארויסנעמען אלע פלעשלעך אדער פרוכט א.ד. ג. און וועקווארפן די באקס.[1]

**עצה ב:** (א גרינגערע עצה אז מען זאל נישט דארפן אלעס ארויסנעמען) **מען זאל מאכן א לאך אין די באקס נישט אויף דעם פלאץ וואו עס איז פארקלעבט, און מען זאל ארויסנעמען אלעס וואס מען דארף פאר שבת** (און ער זאל מער נישט נוצן דעם לאך)**, און מוצאי שבת זאל מען עס עפענען געהעריג וואו עס איז צוגעקלעבט מיט טעיפ.**

**עצה ג:** מען זאל אויפשניידן רוב פון די באקס פון אויבן און פון די זייט. אויב מען טוט אזוי דארף מען נישט וועקווארפן די באקס, נאר מען קען אלעס לאזן אין די באקס.

**עצה ד:** מען קען אראפשניידן די גאנצע אויבערשטע טייל פון די באקס.

**עפענען באקסעס** (ספרינג וואסער א.ד.ג.) **וואס די דעקל איז אראפ-געקלעבט פון די זייט** (נישט מיט טעיפ)**, און ביי די עק פון די דעקל איז דא לעכער וואו עס רייסט זיך אויף ווען מען עפנט די דעקל.**



[בילד 2]

מען טאר עס נישט עפענען אויף די געהעריגע וועג (צוליב די איסור פון מאכן א נייע עפענונג [פתח]).

נאר מען זאל טון איינע פון די ערשטע דריי עצות וואס מיר האבן געשריבן אויבן ביי באקסעס וואס זענען פארקלעבט מיט טעיפ, אבער די פערטע עצה זאל מען נישט טון (זעה אין אונזער ספר פתיחת כלים בלשה"ק א הסבר דערויף).

## סעיף י

**עפענען באקסעס וואס מען קוועטשט אריין אויף אן אנגעצייכנטע פלאץ, און עס ווערט דארט אן עפענונג** (אזוי ווי פוד סטארעדזש בעגס, סענדוויטש בעגס, א.ד.ג.)



[בילד 3]

מען טאר נישט אריינקוועטשן אויף די פלאץ וואס איז אנגעצייכנט (צוליב די איסור פון מאכן א פתח).

**די עצה:** מען זאל אויפשניידן די באקס אויף א פלאץ וואו עס איז נישטא קיין אותיות אדער בילדער, און אלעס ארויסנעמען און לייגן אין אן אנדערע באקס (אדער בעג), און מען זאל אוועקווארפן די באקס.

## סעיף יא

**עפענען א באקס פסח'דיגע מצות וואס איז ארומגעבינדן מיט שטריק.**


[בילד 4] צושניידן די שטריק פון די מצה באקס

מען מעג צושניידן די שטריק מיט א מעסער, אבער מען זאל נישט אריינשניידן אינעם קניפ, ווייל דאס ווערט גערעכנט ווי מען עפענט די קניפ.[2]

---

1 ווייל ביי אן עפענונג וואס מען נוצט נאר איינמאל איז נישט דא קיין איסור פון מאכן א "פתח" (זעה פרק ג' סעיף ג).

2 עפענען די קניפ פון דער שטריק (פון די מצה באקס) איז אסור מן התורה, ווייל דאס ווערט גערעכנט ווי א קניפ וואס איז געמאכט צו בלייבן אויף אייביג [קשר של קיימא] (זעה פרק ו'-ב סעיף ב').

# מאור התורה

ציצים ופרחים על עניני הפרשה

**ואתם הדבקים בה' אלקיכם חיים כולכם היום.**

ווען דער הייליגער בני שלשים זי"ע האט געוויילט אויף די זומער אין הארשפאלוווא, האט ער איינמאל אין פרשת ואתחנן באמערקט ווי אן עלטערער איד, וועלכע איז געווען א גרויסער עם הארץ, זאגט די פסוק ואתם הדבקים בה' אלקיכם חיים כולכם היום, בשעת ער דרייט ארום די רצועות פון די תפילין של יד אויף זיין האנט דער עולם ארום וואס האט דאס מיטגעהאלטן האבן געלאכט פון דעם איד.

ווען עס איז געקומען יענע שבת האט דער בני שלשים געזאגט תורה אויף די פסוק פון ואתם הדבקים, און ער האט געזאגט א טיפע דרוש אויף דעם און ער האט מגלה געווען סודות נסתרות אויף די כוונת מצות תפילין וואס איז מרומז אין די פסוק.

ווען עס איז געקומען פורים האט זיך די גבאי ר' נטע ווייס ז"ל זיך אויפגעשטעלט, און איבער געגאנגען אויף אלע חרוזים דברי תורה וואס דער בני שלשים האט געזאגט דורכאויס די יאר מידי שבת בשבתו, ווען ער איז אנגעקומען צו פרשת ואתחנן האט ער אנגעהויבן גראמען, "זאלן מיר זיך דערמאנען, וואס דער רבי האט געזאגט פרשת ואתחנן", און ער האט אנגעהויבן איבערגיין די גאנצע תורה אויף די כוונת מצות תפילין, אויף די פסוק ואתם הדבקים.

ווען דער בני שלשים האט געהערט די גראמען אויף פרשת ואתחנן איז ער געווארן בלאַס, און כתוב לב המלך ביין האט ער גענומען אן "האלאפטשע" און געווארפן אויף ר' נטע און זיך אנגערופן "האסט שוין גענוג אויסגעזאגט".

*

הרה"ק מקאברין זי"ע האט זיך אמאל צושריגן די פסוק פון די וואכעדיגע סדרה "דבר אתה עמנו ונשמעה ואל ידבר עמנו אלקים פן נמות", און האט אויסגעפירט מיט גרויס דביקות "וואס איז דען דא מער ווי אויסגיין פאר השי"ת", און ער איז אראפגעפאלן פון גרויס דביקות און גע'חלש'ט.

שפעטער האט דער קאברינ'ער מסביר געווען זיינע דיבורים, אז דער אייבישטער האט אויבן אין הימל אסאך מלאכים ושרפים וואס זינגען פאר אים שירה, און דורך די שירה גייען זיי אויס פאר'ן אייבירשטען און זיי ווערן בטל, און זייער זיעה וואס זיי האבן ארויסגעגעבן פון זייער גרויס פחד, רינט צום נהר דינור וואס דאס איז א שטיק פייער. און דער אייבערשטער האט אויך באשאפן די וועלט וויל ער האט געוואלט מגלה זיין גדלות און זיין מלוכה אויף דער וועלט דורך די עבודה פון די אידישע קינדער, אבער די אידן האבן מורא געהאט אז זיי גייען אויסגיין פאר'ן אייבערשטן און שטארבן און זיי גייען מער נישט קענען ממלא זיין די רצון השם, און ווען דעם האט משה רבינו זיי געזאגט "אל תראו כי לבעבור נסות אתכם בא האלקים", דער אייבערשטער וויל ענק נאך האבן אויף דעם וועלט, און אפילו מען באקומט זייער הויכע מדרגות, באקומט מען אויך די כוחות עס צו קענען דורכטראגן, אזוי ווי צדיקים פלעגן זאגן אז ווען די אייבערשטער שענקט פאר איינעם א גרויסע הארה אדער השגה, באקומט ער אים אויך די כלים צו קענען מקבל זיין די הארה.


בסייעתא דשמיא

מצמיח ישועות

ישועות דורך די תהלים זאגען פון די תלמוד תורה קינדערלעך יעדע ערב ראש חודש אצל ציון הקדוש של רביהקוה"ט זצוק"ל

#5

אידן פארציילן אפענע ישועות. מיטן נעמען א שותפות אין פועל ישועות קענט איר אויך פארציילן אייערס!

שליסט אייך אן!

## שדכנות געלט

א גליקליכער מחותן פארציילט זיין אפענע ישועה מיט גרויס התרגשות:

דער אויבערשטער האט מיר ב"ה באשאנקען מיט א קינדער-געבענטשטע פאמיליע בליע"ה, פארמאגנדיג א רייע קינדער איינס אונטערן צווייטן. ווען עס איז געקומען די צייט וואס מיין עלטסטע טאכטער איז אריין אין די יארן פון שידוכים, האבן מיר ערווארטעט צו טון א שידוך אין די נאנטע וואכן און חדשים, און זיך רוקן ווייטער צו די יונגערע קינדער איינס נאכ'ן צווייטן.

עטליכע חדשים זענען פארלאפן. פון חדשים איז געווארן א גאנצע יאר, און דערנאך צוויי. מיין טאכטער'ס גאנצע קלאס האט זיך גערוקט מיט א שנעלקייט, אלע חבר'טעס זענען געווארן כלות און האבן חתונה געהאט, אבער פונקט ביי מיין טאכטער האט זיך נישט געמאכט קיין שום פאסיגע פארשלאג.

איך און מיין ב"ב זענען געווארן גאר שטארק באזארגט איבער דעם מצב. דא עלטערט זיך מיין טאכטער מיט יעדן פארבייגייענדן טאג, אין די צייט וואס די יונגערע קינדער הייבן שוין אויך אן ארייננוואקסן און קומען נענטער צו די שידוכים יארן. וואס וועט דא זיין?

אין אונזער טיפער פארצווייפלונג, האבן מיר אריינגערופן צו 'פועל ישועות' און זיך אויפגעסיינט מיט א שיינעם נדבה, בעטנדיג אז די קינדער זאלן מתפלל זיין ביים ציון אז מיר זאלן שוין געהאלפן ווערן מיט א ישועה און טרעפן א גוטן שידוך.

צוויי חדשים דערויף, נאך אזויפיל צייט פון ווארטן און זוכן, האבן מיר ענדליך זוכה געווען צו ברעכן טעלער אין א מזל'דיגער שעה, ווען מיר האבן געטראפן א גאר חשוב'ן שידוך וואס איז הערליך צוגעפאסט פאר מיין טאכטער.

האנדלט זיך איין דעם אומשאצבארע זכות און שטיצט דעם רבינ'ס הייליגע ירושה

845.402.TOSH
8674

TOSH16BH@GMAIL.COM

$100 לחודש
וועלן די הייליגע קינדער מתפלל זיין, לייגן אייער קוויטל יעדן ערב ראש חודש ביים ציון, און אויך וועט איר האבן א נר תמיד ביים ציון הק' דורכאויס דעם גאנצן יאר

$54 לחודש
וועלן די הייליגע קינדער מתפלל זיין, לייגן אייער קוויטל און צינדן א לעכט יעדן ערב ראש חודש ביים ציון

$36 לחודש
וועלן די הייליגע קינדער מתפלל זיין, לייגן אייער קוויטל יעדן ערב ראש חודש ביים ציון

פועל ישועות

# באור הילולא

תולדות וסיפורים מצדיקים שיוהדה"ל חל בשבוע הבעל"ט

המדור הזה נתנדב ע"י הרב **נתן יואל קרויז** שליט"א (מאנסי)
חתן הרה"ג דומ"ץ קהלתינו מאנסי שליט"א - לרגל שמחת הולדת בתו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

## הרה"ק רבי צבי הירש מליסקא זי"ע

**דעם קומענדיגן דינסטאג עקב - י"ד מנחם אב הבעל"ט געפאלט אויס די יומא דהילולא קדישא פונעם הייליגן צדיק רבי צבי הירש בן רבי אהרן מליסקא זי"ע, בעמח"ס אך פרי תבואה.**

### ואלה מתולדותיו

דער הייליגער רבי צבי הירש מליסקא זי"ע איז געבוירן געווארן אין חודש אייר תק"נ.

זיינע חיבורים זענען די ספרים: אך פרי תבואה, הישר והטוב, און אור הישר והטוב.

רבי צבי הירש איז נסתלק געווארן לגנזי מרומים י"ד מנחם אב תרל"ד.

## גומל חסדים טובים

דער ליסקא רב איז געווען מפורסם מיט זיין איסערגעווענליכע מצות ווי עס ווערט ווייטער דערציילט:

דער הייליגער רבי הערש'עלע ליסקער זי"ע, איז געווען באוואוסט מיט זיין זעלטענע מצות הצדקה, ווען פאר זיך אליין האט ער זייער מצמצם געווען און זיך באגעניגט מיט גאר ווייניג, אבער פאר די ארימעלייט וועלכע פלעגן אנקלאפן ביי אים אין טיר האט ער שטענדיג געגעבן מיט א ברייט האנט, און אזוי ארום פלעגט דאס גאנצע געלט וואס די גרויסע עשירים האבן אים געגעבן, פארטיילט ווערן פאר צדקה.

אמאל האט זיך רבי הערשעלע אופגעהאלטן אויף שבת אין שטאט מונקאטש, די דארטיגע חסידים האבן שוין זייער געווארט אויף אזא געלעגנהייט, ווייל דאס עבודה און קדושה פון רבי הערש'עלע, האט ביי זיי שטארק געגליסט, און דערפאר זענען אלע שטאט-לייט געקומען מיט קוויטלעך און פדיונות צו באקומען א ברכה פונעם צדיק, אזוי אז ס'האט זיך ביי אים אנגעזאמלט א ריזיגן סכום געלט.

צווישן די מענטשן דארט, איז געקומען א איד א גרויסער עני ואביון, און ער האט זיך אויסגעוויינט פאר רבי הערש'עלע איבער זיין ביטערן גורל, אז נאך א לאנגע צייט מיט פיל שוועריקייטן איז אים ענדליך געלונגען צו טון א שידוך מיט זיין איינציגן טאכטער, און דאס אויך נאר נאכדעם ווי ער האט זיך מתחייב געווען אראפצולייגן א שיינעם נדן, יעצט למעשה נאך צוויי יאר וואס ער קען נישט צאלן דעם נדן, האט דער מחותן אים איינגעמאלדן אז ער גרייט זיך אפצולאזן דעם שידוך, ח"ו.

הערנדיג דעם שרעקליכן צושטאנד פון דעם ארעמאן האט רבי הערש'עלע זייער רחמנות באקומען אויף אים און ער האט אים באלד דערלאנגט דעם גאנצן ריזיגן סומע וואס איז

# לוח היארצייטן



יארצייטן פון רבותינו הק' ואנשי שלומינו וואס געפאלט אין די קומענדיגע וואך

### זכר צדיקים לברכה

| | | |
|---|---|---|
| י"ד אב | הרה"ק רבי צבי הירש בן רבי אהרן זי"ע - מ'ליסקא - אך פרי תבואה | תרל"ד |
| י"ז אב | הרה"ק רבי אברהם אביש בן רבי יעקב זצ"ל פיש | תר"ד |

### זכר חסידים לברכה

| | | | |
|---|---|---|---|
| י"ב אב | הרב החסיד ר' שמעון יהושע בן ר' אלתר חיים פנחס מרדכי ע"ה באנדא | תשפ"ד | הר הזיתים בירושלים עיה"ק |
| י"ג אב | הרב החסיד ר' זאב בן ר' משולם איסר הכהן ע"ה כ"ץ | תשפ"ד | ביה"ח בקרית יואל |
| ט"ז אב | הרב החסיד ר' מרדכי בן ר' אברהם יודא ע"ה ווייס<br>מגדולי תומכי מוסדותינו הקדושים - לא הניח אחריו זש"ק | תשס"א | ביה"ח דקריתינו הקדושה |
| ט"ז אב | הרב החסיד ר' שמואל מאיר בן ר' אהרן משה ז"ל לייפער<br>חדב"ן הרה"ק רבי מרדכי מ'דעמעטשער זי"ע | תשס"ח | ביה"ח ניו דזערסי (קאסאן) |

געליגן אויפ'ן טיש, פאר נדן, וואונטשנדיג עס זאל זיין מיט מזל און ברכה.

אינדערזייט איז געשטאנען א חשובער איד פון שטאט, און ער האט צוגעזען וואס רבי' הערשעלע האט געטון. דער מעשה האט אים שטארק פארדראסן און ער איז צוגעגאנגען צום רבי'ן מיט א טענה, "דער רבי' ווארפט זיך אזוי מיט אזעלכע ריזיגע סכומים אין דער צייט וואס דער ארעמאן קען אליין גיין קלייבן נדבות ביי די הייזער".

האט דער הייליגער ליסקא רב זי"ע געענטפערט מיט א מעשה וועלכע האט פאסירט מיט אים אין די יונגע יארן:

איינמאל בעפאר שבועות ווען הערש'עלע האט זיך פארגליסט צו זיין שבועות אין בעלזא ביים הייליגן בעלזער רב זי"ע. פון דעם מאגערן געהאלט וואס איך האב פארדינט פון מלומדות האב איך נישט געהאט גענוג צו דינגען א פערדל, אבער די חשק האט שטארק געברענט אין מיין הארץ און דעריבער האב איך זיך ארויסגעלאזט צופוס קיין בעלזא.

פארשטייט זיך אז דאס גיין צופיס קיין בעלזא איז פאר הערש'עלע נישט אנגעקומען גרינג. אונטערוועגס ביך איך דורכגעגאנגען דעם שטאט לעמבערג, מיד און מיט געשוואלענע פיס האב איך זיך צוגעשלעפט צום שול פונעם עטרת צבי זי"ע, כדי זיך אביסל אפצורוען פון דעם שווערן וועג.

אין דעם ביהמ"ד פלעגן דאווענען בעלזא חסידים, און אונטערוועגס קיין בעלזא האט מען זיך דארט אפגעשטעלט צו זיך אביסל דערכאפן פונעם וועג, אויך יעצט זענען דארט פארבייגעפארן א שיירא בעלזא חסידים פון מונקאטש און זיי האבן זיך פאר א ווייל‍ע אפגעשטעלט דארט.

הערש'עלע האט דאן באשלאסן אז ס'וואלט געווען א גוטע פלאן ווען ער זאל זיך קענען מיטכאפן מיט די חסידים קיין בעלזא, ווייל אנדערש האב איך שוין ממילא נישט קיין אויסזיכט אנצוקומען פאר יום טוב.

דער הויפט צווישן זיי וואס האט מסדר געווען די נסיעה האט אבער געבעטן דערפאר זעכציג גרייצער. הערש'עלע האט אבער נישט פארמאגט מיט זיך אפי' איין גרייצער. מיינע תחנונים האבן נישט ווייכער געמאכט די הארץ פון דעם אינגערמאן, יענער האט אים בלויז מייעץ געווען אז ער האט צוויי שעה ביז זיי פארן ווייטער, און דערווייל קען ער גיין קלייבן נדבות ביי גוטהארציגע אידן פון לעמבערג.

בלית ברירה האט הערש'עלע אנגענומען דעם עצה, לעמבערג איז דאן געווען אן עיר ואם בישראל, און עס איז דארט געווען איינגעפירט צו געבן פאר די ארעמעלייט וואס זענען ארומגעגאנגען נאך געלט אזעלכע בלעכלעך וואס מ'האט געקענט פארטוישן פאר געלט ביים פרנס החודש, אדער סחורה מיט וואס זיי האבן עוסק געווען.

ווען הערש'עלע איז אנגעקומען אין ערשטן געשעפט האט אים דער געשעפטמאן געפרעגט: "אינגערמאן, געלט אדער סחורה?" הערש'עלע האט ביי זיך געטראכט אז אויב וועל איך אים בעטן סחורה וועל איך עס מעגליך קענען פארקויפן פאר א גרעסערן סכום ווי די געלט וואס ער וויט מיר געבן און איך האט געבעטן סחורה. דער סוחר האט מיר אפגעשניטן א מעטער פאדעם און עס אים העפליך דערלאנגט.

אזוי איז אויך געווען אינעם צווייטן געשעפט, דער געשעפט'סמאן האט מיר דערלאנגט א קנעפל, און דער דריטער געשעפט'סמאן האט מיר געגעבן א נאדל, און הערש'עלע האט זיך שנעל געמאכט א חשבון אז דערפון וועט ער קיין זעכציג גרייצער נישט פארדינען. איך האב געהאט דערפון גרויס עגמ"נ, און ווען איך בין אריין אינעם פערטן געשעפט און דער סוחר האט אים געפרעגט: געלט אדער סחורה, האט הערש'עלע אויסגעבראכן אין א ביטערן געוויין.

הערנדיג דעם מצב האט דער סוחר זייער רחמנות געהאט אויף מיר און ער האט מיר דערלאנגט די גאנצע זעכציג גרייצער. הערש'עלע האט זיך דערמיט זייער דערפרייט און איך בין אוועקגעפארן בשמחה קיין בעלזא צוזאמען מיט די אנדערע חסידים.

דעם סיפור האט רבי' הערש'עלע דערציילט און ער האט אויסגעפירט:

"און זינט דאן האב איך זיך פארגענומען אז איך וועל קיינמאל נישט אוועקשיקן אן ארעמאן, און ווען א נצרך וועט ביי מיר אנקלאפן וועל איך אים געבן זיין גאנצע הצטרכות אין וואס ער וועט זיך נויטיגן".

ווען רבי' הערשעלע האט געענדיגט דערציילן האט ער זיך געוואנדן צו דעם חשוב'ן איד וואס האט אים מעורר געווען, און ער האט אים געזאגט:

"געוויס האסטו זיך שוין דערמאנט אז דו ביסט געווען יענער אינגערמאן וואס האט מיר געשיקט קלייבן נדבות און פון דיר האב איך זיך אויסגעלערנט נישט אזוי צו טון פאר אן ארעמאן"!

דער איד האט זיך טאקע דערמאנט אין דעם מעשה און ער האט אויסגעבראכן אין א שטארקן געוויין און איבערגעבעטן רבי' הערש'עלע פאר די צער וואס ער האט אים גורם געווען און ער האט זיך אונטערגענומען זיך מער מרחם צו זיין אויף ארימעלייט און נצרכים.

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן.**




בעזרת השם יתברך

נעלה את ירושלים על ראש שמחתינו
עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים
קול ששון • וקול שמחה • קול חתן • וקול כלה

בשבח והודי׳ להשי״ת שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה
הננו מתכבדים בזה להזמין את קרובינו וידידנו
להשתתף בשמחת כלולת בנינו היקרים

הבחור החתן המופלג בתויר״ש
כמר **אשר ענזיל** ני״ו
עב״ג
הכלה הבתולה המהוללה
מרת **פיגא** תחי׳

שתתקיים בעזהשי״ת למזל טוב ובשעטו״מ
ביום ד׳ לסדר ואהבך וברכך והרבך - עקב
חמשה עשר באב שנת תשפ״ו לפ״ק - ולמספ׳ Jul 29 ‘26

**באולם בית צירל - קרית טאהש יצ״ו**
252 Beth Halevy Boisbriand Quebec J7e 4h4

קבלת פנים בשעה 6:00 והחופה בשעה 7:00

ואי״ה בשמחת צאצאיכם ישמח לבנו גם אנו
ידידיכם המתכבדים בהופעתכם ומחכים לקראת בואכם לשלום

| הורי החתן | הורי הכלה |
|---|---|
| **יעקב געלב וב״ב** | **ישעי׳ הכהן וויינבערגער וב״ב** |
| קרית טאהש יצ״ו | קרית טאהש יצ״ו |

---

בעזהשי״ת

קרית יואל יצ״ו

נעלה את ירושלים על ראש שמחתינו
עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים

קול ששון
וקול שמחה

קול חתן
וקול כלה

קול מצהלות חתנים מחופתם ונערים ממשתה נגינתם

בשבח והודאה להשי״ת, על כל הטוב והחסד שגמלנו, וליום שמחת לבינו הגיענו, כה יוסיף ד׳ לנו בל יעזוב חסדו מאתנו, והננו מתכבדים בזה להזמין בקריאה של חיבה את קרובינו וידידינו, לקחת חבל בשמחתינו, הוא יום כלולת בנינו היקרים ה״ה

הבחור החתן המופלג בתוי״ש
כמר **נפתלי** הי״ו
עב״ג
הכלה הבתולה המהוללה
מרת **נחמה שיינדל ליבא** תחי׳
נכדת הבעש״ט, קאריץ, ניקלשבורג, מוהר״ן מברסלב
אניפאלי, נשכיז, ראדושיץ, זלאטשוב, ראפשיץ

שתתקיים אי״ה למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת
**ביום ד׳ לסדר ״וברכת את ה׳ אלוקיך״ (עקב)**
**חמשה עשר באב שנת תשפ״ו לפ״ק**
ולמס׳ *Jul. 29*

**קבלת פנים בשעה 6:00 והחופה בשעה 7:00**

**באולם עטרת מלכה**
*5 YD Goldberger Dr, Monroe, NY 10950*

המצפה לקראת בואכם ולקבל פניכם בשמחה

| הורי החתן | הורי הכלה |
|---|---|
| **יואל יונגער וב״ב** | **מרדכי ארי׳ פרידמאן וב״ב** |
| אנטווערפן יצ״ו | קרית יואל יצ״ו |

---

אל מעלת כבוד חברינו וידידינו הנאמנים,
אנשי שלומינו תלמידי וחסידי כ״ק מרן
רבינו הקדוש זי״ע, ויבלחט״א כ״ק מרן רבינו
שליט״א.

**נתכבד בזה להזמינכם לבוא ולהשתתף
ולהתעלס באהובים בעת שמחת נישואי
צאצאינו היקרים, בזמן ובמקום המוגבל הנ״ל,
ובעזרת השם בעת שמחתכם ומועדיכם
ישמח לבנו גם אנו.**

*המחותנים*

## בענין תפלין ביום ת"ב

לכבוד מערכת גליון "באור החיים", שע"י מפעל החשוב איחוד טאהש.

איך האב געהערט שמועסן דא אין ביהמ"ד, אז על פי האר"י הק' דארף מען יא לייגן תפלין אליינס תשעה באב אינדערפרי, אנדערש ווי מען פירט זיך עס צולייגן נאך ביי מנחה, און איינער האט מיר געזאגט אז רבינו הק' זי"ע האט זיך אזוי געפירט בצינעא.

בין איך נייגעריג צו הערן צו איינער ווייסט עפעס מער דערפון, צו ס'טאקע אמת צו נישט, ס'מיינט נישט אז מען דארף עס נאכטון, אבער דאך איז אינטערעסאנט צו וויסן, וויאזוי רביה"ק זי"ע האט זיך געפירט.

און בנוגע זיך וואשן די גאנצע הענט ת"ב, איז טאקע געשטאנען דא אין באור החיים פארגאנגענע וואך, אינעם מאמר הליכות הלוי, אז רביה"ק זי"ע האט זיך יא געוואשן די גאנצע הענט, אזוי ווי דער הייליגער קאמארנא'ער זי"ע שרייבט.

א גרויסן יישר כח פאר אלעם, הצלחה און כל טוב

א.י. פה מאנסי

## א הייליג שטיקל היכל הברכה

לכבוד מערכת גליון "באור החיים", שע"י מפעל החשוב איחוד טאהש.

איך האב געזען א הייליגע שטיקל היכל הברכה די וואך פר' ואתחנן, האב איך געטראכט עס מיטצוטיילן פארן ציבור. ער גייט ארויף אויפן פסוק ועבדתם שם אלקים מעשה ידי אדם, עץ ואבן אשר לא יראון ולא ישמעון ולא יאכלון ולא יריחון. וכו' ובקשתם משם את ה' אלקיך ומצאת.

די נקודה וואס ער ברענגט ארויס איז אז עס שטייט נישט אלהים אחרים, נאר סתם אלהים, מרמז צו זיין אז דאס גייט ארויף אויף די רבנים און צדיקים פון די שפעטערע דורות בעיקבתא דמשיחא, וואס וועלן נישט האבן די הויכע מדריגות פון אמאליגע צדיקים, אבער מיט דעם אלעם ובקשתם משם את ה' אלקיך ומצאת.

לחביבות הדבר וועל מיר דא מעתיק זיין לשונו הקדוש:

זאגט ער אזוי: **אמרו לי בחלום, דלא כתיב 'אלהים אחרים' חלילה וחלילה, אלא מתרגמינן רברביא. והם ראשי הדור, רב ורבי ורבן, אשר בדורות שלפנינו היו ראשי הדור רואים מסוף העולם ועד סופו, ומדברין ברוח הקודש, ושומעין כרוזין של מעלה, והיו נפשם מלאים מזיו השכינה והשפיעו מאור הזה לכל בני דורם ולכל הדבקים בהם, כידוע כל זה ומפורסם.**

**ובעיקבתא דמשיחא חוצפא יסגי, ועבדתם שם אלהים - ראשי הדור, מעשה ידי אדם - שהסכימו עליהם עדת ישראל שהיא ראשי הדור, עץ - עץ החיים צדיק הדור, ואבן - תלמידי חכמים העוסקים בתורה, רבנים ולומדים שהסכימו עליהם בני אדם, וזהו מעשה ידי אדם עץ ואבן. אשר לא יראון - ברוח הקודש, ולא ישמעון - כרוזין של מעלה ותורה מפי עליון, ולא יאכלון - מזיו השכינה להשפיע מאורם על הדור, ולא יריחון - ריחא דלבושא כפי הראוי שיהי' מדריגות אלו לראשי הדור להנהיג דורם בנחת ובקדושה.**

**אף על פי כן, ובקשתם משם את ה' אלקיך ומצאת, גם אצל ראשי הדור כאלה, ובלבד אם תדרשנו בכל לבבך ובכל נפשך בלב אמת, דבוק באהבה עזה ובאחדות עם הצדיק, יהי' לך תועלת גדול. עד כאן אמרו לי בחלום.**

**אבל באמת יש שדין יהודאין שצריכין להתרחק מהם כמו מן האש, אבל אפי' המשיג רוח הקודש, וכל שכן לאיש המוני, חלילה לו להרהר אחר שום ראש הדור, כי יפול למטה לשאול תחתית, ולא יוכל לזה אלא לבוחן לבות וכליות, הוא יודע לב כל אחד, ולנו העניים אין נפקא מינה, אלא למיבעי רחמי מן קדם אלקא דשמיא שנזכה להיות דבוקים בצדיק אמת.** עכלה"ק.

זאל דער אייבערשטער העלפן מען זאל זוכה זיין ארויסצונעמען די ריכטיגע מוסר השכל פארן לעבן. זכותו יגן עלינו.

א גרויסן יישר כח פאר אלעם, הצלחה און כל טוב

(-) קרית יואל




## זהירות במקום הנחת הכלי עם המים

**יג. בכל פעם שנטל ידיו היה נזהר לא להעמיד את הכלי עם מי הנטילה בתוך הקערה [ט] שלתוכו שפך את המים הטמאים, או לתוך הסינק [-כיור] (ו), ואם מצאו מונח שם לא נטל את ידיו מכלי זה (ז), ונימק טעמו כי כן משמע בזוה"ק דהכלי שלתוכו שופכים את המים נקרא 'ארור' והכלי שנוטלים ממנו נקרא 'ברוך', ואין ארור מדבק בברוך, יג והשתדל הרבה שגם התלמידים יהדרו כן (ח).**

### מעיינות הלוי

**יג)** בבית יוסף (סי' ד) הביא לשון הזוה"ק [מתורגם בלשון הקודש] וז"ל, רבי שמעון פתח, אמר 'ארחץ בנקיון כפי' (תהלים כו, ו), אבל בא וראה סוד הדבר, כי אין לך אדם בעולם שלא יטעם בלילה טעם מות, ורוח הטומאה שורה על הגוף ההוא, מה הטעם, משום שהנשמה הק' נסתלקה מן האדם, וכשהנשמה חוזרת אל הגוף מסתלקת הזוהמא ההוא, ולמדנו שידיו של האדם זוהמת הטומאה נשארת עליהן, ועל כן לא יעביר ידיו על עיניו, כי רוח הטומאה שורה עליהן עד שרוחץ אותן, וכשנוטל ידיו כראוי, אז נתקדש ונקרא קדוש. ואיך צריך להתקדש, צריך שיהיה כלי אחד מלמטה, וכלי אחד מלמעלה, כדי שיתקדש מהכלי שלמעלה, והכלי מלמטה שיושבת זוהמת הטומאה בו, וזהו כלי לקבל הטומאה, וזהו כלי להתקדש ממנו, זה ברוך וזה ארור, ואלו המים וכו'.

ולכן כתב האליהו רבא (סי' א סק"ד) בשם ספר עץ החיים, שיהיה הכלי הריק ששופך לתוכו פגום, כי הוא של סט"א, וכ"ה בשו"ע הרב (ס"ח)

**יד)** בזוה"ק איתא [מתורגם ללשוה"ק] וז"ל,

### עבודת הלוי

**(ו)** מטעם זה נהג שקודם שהלך לישון, כיסה במפה את הכלי ששופכים את המים לתוכו כדי שכלי זה לא יהיה מגולה, חוץ משבת קודש שלא נהג כן מחמת חשש אהל כמבואר בשו"ע (סי' שטו ס"ט).

**(ז)** כשהזדמן למקום שאינם נזהרים בזה, היה נוטל ידיו מכלי נקי שהמשב"ק נטל עמו, הגם שהיה כלי גרוע (כמו פאו"ם קא"פ) עם כל זה העדיף ליטול מזה, מאשר ליטול מכלי יפה שבתוך הסינק [-כיור].

**(ח)** רבינו חיפש זמן רב למצוא איזה פתרון לבני הישיבה כדי שיוכלו גם הם להתנהג בהדרכה זו, שלא להכניס הכלי שנוטלים ממנו לתוך כלי התחתון, ובסייעתא דשמיא הגיע לזה אחרי שפעם אחת הגיע אליו יהודי אחד והפציר מאד שזקוק לישועה על דבר מסוים, ורבינו הקשיב לו ואמר לו שאינו יכול להבטיחו ישועה שלימה, רק יכול לברכו. אותו יהודי יצא שבור ברוחו מאד שלא השיג הבטחה לישועה, וכראות המשב"ק שפניו עצובים שאל אותו על סיבת הדבר, וסיפר לו היהודי את אשר קרהו, ובהיות שהמשב"ק ידע עד כמה הולך בנפשו של רבינו לסדר את ענין הכלי נטילה, על כן יעץ לו לחזור לקו"פ ויציע שהוא מוכן לעשות כל מה שיצוה לו רבינו ולהנותו, ואז כמובן ירויח שיחזיר לו רבינו טובה ויוכל לפעול אצלו הבטחה לישועה.

ואכן כך עשה, ואז אמר לו רבינו שאכן יש לו דבר נחוץ שמצפה מאוד שיסודר הדבר, היות כשהולך לבקר בחדרי השינה של תלמידי הישיבה בעת שינתם לראות אם הכל כראוי, רואה שכשהם מכינים אתה'נעגיל וואסער' הם מכניסים את הכלי לתוך דלי, וזה מפריעו מאד, כי הלא המים שבכלי הם בכלל 'ברוך', והכלי ששופכים לתוכו הוא בכלל 'ארור',

### בארות הלוי

**[ט]** ראוי להיזהר, שלא להעמיד את הספל עם מי הנטילה, לתוך הקערה שלתוכו שופכים המים הטמאים, כי המים והכלים הטהורים מתלכלכים מהמים הטמאים.

וגם יש ענין בזה על פי מה דאיתא בזוה"ק (פרשת וישב דף קפד ע"ב) כי הכלי של מעלה הוא בבחינת ברוך, והכלי של מטה הוא בבחינת ארור, לכן אין ראוי לחברם להניחם זה בתוך זה, כי אין ארור מתדבק בברוך.

## לא לגעת במים שנטל

**יד. הזהיר שלא לגעת במי הנטילה [י] לאחר שנטל בו ידיו יד).**

## הוצאת המים

**טו. תיכף אחר שנטל ידיו הוציא בעצמו את המים הטמאים ושפכם החוצה, ואמר בשם צדיקים שזה סגולה [יא] ליראת שמים טו). גם כשהתעורר באמצע שינתו ונטל ידיו, וכן כשהיה נוטל ידי צאצאיו היה נזהר בזה טז).**

## זהירות ממים שנשפכו

**טז. אם נשפך מהמים על הרצפה היה מנגב את הרצפה כדי שלא ישארו המים הטמאים יז).**

## שטיפת הקערה

**יז. את הקערה שנשפכו בו מי הנטילה של שחרית הזהיר לשטוף לאחר שפיכת המים יח).**

### מעיינות הלוי

ואלו המים של זוהמא לא צריכים לשפוך אותם בבית, כדי שלא יקרב אליהם אדם, כי הרי בהם מתאספים הצד שלהם [שהם הרוחות והמזיקים] ויכול לקבל נזק מאלו המים הטמאים, ועד שיעביר הזוהמא מיהו לא יברך.

ועל כן האדם טרם שקידש ידיו בבוקר נקרא טמא, כיון שקדש ידיו נקרא טהור וכו', ומאלו המים אסור לעשות בהם דבר, אלא צריך שישפוך אותם במקום שבני אדם לא יעברו אליהם, ולא ילין אותם בבית, כי כיון שנשפכו על הארץ רוח הטומאה נמצא שמה ויכול להזיק וכו', עכ"ל. וראה עוד להלן (הערות י טו).

טו)כתב בדברי יצחק (סוואליווע, אות קיב), שמעתי בשמו של הרה"ק מהר"ש מבעלזא זי"ע שהנושא מתוך הבית את הכלי עם מימי הרחיצה מנטילת ידים שחרית, ושופכו לחוץ, הוא מסוגל ליראת שמים.

**טז)** כתב בשו"ע הרב (שם ס"ט), ולא ילינם בבית. וכתב בהקדמת ספר אור עינים (ח"ב כלל כא), מים של נטילת ידים שאחר הקמת ממטתו, לא ישהה אותם בתוך ביתו, אלא ישפוך אותם במקום שאין בני אדם עוברים שם. ואם רוצה לישן עוד אחר נטילת ידים ההוא, צריך להעביר מחדר זה שישן לגמרי, כי המים הזאת כשנשאר עומד שם יכול להביא אותו ח"ו וכו'.

**יז)** כתב הרה"ק מבוטשאטש באשל אברהם (מהדו"ת שם ס"ח) שמעתי מאחד, שאחד מהאחרונים כתב שמי נט"י שחרית גריעי ממי רגלים וכו'. ובס"ט כתב, אודות מי נטילה דשחרית, או דסעודה מים אחרונים שאין נכון לדרוך במקום שנשפכו מים הללו, נראה פשוט שאין זאת כי אם כל זמן שיש לחלוחית במקום ההוא שנשפכו שם המים, אבל תיכף שנתייבש המקום ההוא, כבר חלף הלך לו כל הכח וכו'.

ובכף החיים (שם ס"ק לב) כתב בשם הבן איש חי (פ' תולדות אות ח), דצריך ליזהר דלפעמים מתמלא הכלי שנוטלים לתוכו על גדותיו מחמת ריבוי בני הבית, ואז כשנוטלים בו עוד, מוכרח שישפך ממנו על הקרקע, ואם נזדמן שנשפכו מי הנטילה בקרקע אז ישפוך על הקרקע ההוא, מים טהורים הרבה, כדי לבטל מי הנטילה שנשפך שם, עכ"ל.

**יח)** בספר פאר לישרים (דף יח ע"ב) כתבים של הרה"ק מקאריץ זי"ע, כתב וז"ל, רוב חולשות מחמת שאין נזהרין לקבל מים אחרונים או נטילת ידים שחרית בכלי שמשתמשין בו אח"כ לאכילה ושתיה, אף שרוחצין אותו בינתיים, על כן יש ליזהר מאוד, עכ"ל. וראה בהערה הקודם.

### עבודת הלוי

והרי אין ארור מתדבק בברוך, ולכן הוא טורח תמיד להגיע לשם להוציא את הכלים מתוך הדליים ומניחם על הרצפה סמוך לדלי, והוא מחפש איזה עצה לזה שלא יזדקק להיכנס לשם בכל פעם.

נענה היהודי שהוא ינסה לפעול בזה, ונפל לו רעיון לתקן כלי נטילה עם ידיות שיוכלו לתלותו על דפנות הדלי. וכדי להמחיש זאת לקח צבת וחתך בתחתית הידיות של הכלי, ותיקנו באופן שניתן לתלותו באויר צמוד לכותל הדלי, וחזר לרבינו להראות לו דוגמא, רבינו נהנה מאד מזה, וצוה למלאות הכלי במים כדי לבחון בעיניו אם זה נתלה על הדלי טוב גם כשזה מלא במים, ונכח לראות שהמים מכבידים על הכלי וזה נוטה לצדדים והמים נשפכים החוצה, ואי אפשר לתלותו על צידי הדלי, ולכן צריך למצוא פתרון אחר.

נפל לאותו יהודי רעיון אחר ליטול כלי קטן ומרובע (כמו אלו שמיועדים לאשפה) ולתלותו על דפנות הדלי, וכשנתלה הספל באויר החזיק עצמו טוב ולא נשפכו המים ממנו, וזה אפילו לא נגע בדפנות הכלי, כשחזר והראה זאת לרבינו, נהנה מאד רבינו מזה, והיהודי אמר שיתאמץ להשיגו לכלל תלמידי הישיבה, וכשהביאו נהנה רבינו מזה מאד, וכיום נתפשט כלי זה בחו"ל, אודות השתדלותו של רבינו. ומובן מאליו שאותו יהודי התברך בישועה גדולה בכוחו של אותו צדיק..

### בארות הלוי

[וזה לשון הזוהר שם: וכד נטיל ידוי כדקא חזי, כדין אתקדש ואקרי קדוש, והיך בעי לאתקדשא, בעי חד כלי לתתא וחד כלי מלעילא בגין דיתקדש מההוא דלעילא, וההוא דלתתא דיתיב בזוהמא דמסאבו בי', ודא כלי לקבלא מסאבו, ודא לאתקדשא מניה, דא ברוך ודא ארור] ואחר שנטל כו' (דבר"ק ח"א עמ' רכח).

על כן הזהרו מאוד בנטילת ידים של שחרית כהלכה, וראוי מאוד לדקדק שלא לשים את הספל עם המים בתוך הקערה שבו שופכים מים הטמאים, כיון שהכלי שלמעלה הוא בבחינת ברוך, והכלי שלמטה הוא בבחינת ארור ואין ארור מתדבק בברוך (שיח"ק ח"א עמ' קז).

ותהיו זהירים לא לשים את הכלי שנוטלים בו לתוך הקערה שלשם שופכים את המים, ותזהרו בזה גם בערב לפני השינה כשמכינים מים לנטילת ידים שחרית (שיח"ק ח"א עמ' קמב).

אחר הנטילה צריך להיזהר לא להניח את הספל שנוטל בו לתוך הקערה שבו המים הטמאים, שזה גורם כמה מכשולות, ולכל זה צריך שימת לב וישוב הדעת (פתגמ"ק ח"ב עמ' עב)

**[י]** אחר הנטילה צריך להיזהר לא לגעת במי השופכין הטמאים53(פתגמ"ק ח"ב עמ' עב).

**[יא]** זקיני הרה"ק ר' יצחק אייזיק מסוואליווא זי"ע מביא בספרו דברי יצחק, בשם רבו הרה"ק השר שלום מבעלזא זי"ע, שהאדם בעצמו צריך להוציא ולשפוך החוצה את מימי הרחיצה מנטילת ידים שחרית, וזה מסוגל ליראת שמים.

והטעם דכיון שמיד ברדתו ממטתו, הוא עושה מעשה בפועל להוציא הזוהמא מן הבית, הרי עשה בזה פעולה לקדש עצמו ולהתרחק מן הזוהמא והטומאה, לכן זה מסוגל ליראת ה' לכל אותו היום, כי הכל נמשך אחר השורש (פתגמ"ק ח"א עמ' קכד).

# בהיכל הישיבה

א בליק
אינעם תורה פעסטונג
**ישיבה גדולה**
**תורת משולם פייש**
**ד'טאהש**
ניו יארק יע"א

מאן דירית (יורש) מסכת חדא, ירית עלמא חדא, (זוה"ק)

## תלמידי ישיבתינו הק' הארעווען אריין קונה צו זיין בשלימות גמורה די לעצטע פרקים פון מסכת בבא מציעא, קונה צו זיין און זיך פארהערן די גאנצע מסכת אויף סוף יאר

תלמידי ישיבתינו הק' זענען אין די יעצטיגע וואכן טפחיים ע"ג קרקע, ווען עס הייבט זיך אן אנצוזעהן דעם ברנה יקצורו, נאך וואס מען האלט שוין ביים סוף פונעם הזורעים בדמעה, און עס איז ממש א נחת רוח צו זעהן ווי די חשוב'ע בחורים זענען זיך מייגע באהלה של תורה יומם ולילה, זייענדיג אפגעזונדערט פון די אלע ארומיגע שטערונגען, און דער קול תורה הילעכט אפ בהיכלא דמלכא.

ביי שיעור עיון לערנט מען יעצט די צווייטע חלק פון פרק המפקיד.

שיעור פשוט ענדיגט מען יעצט פרק איזהו נשך.

ביים סדר פארטאגס לערנט מען יעצט די צווייטע טייל פון פרק שנים אוחזין, נאכדעם וואס די ערשטע האלב האט מען קונה געווען די ערשטע זמן ביי שיעור עיון.

ביי שיעור בקיאות איז מיוחד צו ענדיגן און חזר'ן די אלע בלעטער וואס מען האט נאכנישט דערווייל קונה געווען בקנין גמור.

אזוי אויך גייט אין די יעצטיגע טעג אן העפטיגע פארהער'ס, וואו די בחורים פארהערן זיך כסדר בלעטער גמרא ביי הרה"ג המנהל שליט"א.

אזוי אויך קומט פאר כסדר חזרות אויף די לימודים, ביי שיעור פשוט איז פארגעקומען יעצט א העפטיגע חזרה אויף פינף בלאט, א.א.וו.

די בחורים לייגן צו אייגענע שעות, אויסער די זמני הישיבה, כדי געהעריג צו מסיים די מסכת בכי טוב, און קונה צו זיין די גאנצע מסכת אויף סוף יאהר בעזהשי"ת.

> **שולחן ערוך סדר וועט מען בע"ה ענדיגן סימן ש"ן-ש"ז און שטיין על המבחן אויף די וויכטיגע מקצוע הלכה למעשה**

ביים סדר פון שו"ע וואו מ'לערנט ווייטער הלכות שבת, האלט מען יעצט ביי די צווייטע חלק פון סימן ש"ז.

אזוי אויך איז פארגעקומען א גרויסארטיגע בחינה רבתי אויף סימן ש"ו דורך הרה"ג ר' שמואל יעקב מייזעלס שליט"א דומ"ץ בק"י, וואו די בחורים האבן געענטפערט בטוב טעם ודעת.

•

אין די וואך פון די יומדהל"ק פון רביה"ק השרף זצ"ל איז דער חשוב'ע ר"מ הישיבה הרה"ג ה'דומ"ץ שליט"א אפגעפלויגן צום ציון הק' אין טאהש-אונגארן, האט הרה"ג ר' יוסף יהושע לאבין שליט"א, ספעציעל דורכגעלערנט סימן של"ו מהלכות שבת, וואס איז נוגע יעדע וואך שב"ק.

אזוי אויך האט דער חשוב'ע ר"מ הדומ"ץ שליט"א איבערגעלאזט עטליכע קשיות בסימן ש"ז, אין וואס די בחורים האבן זיך ארייגעטון בעומקה של הלכה, און געענטפערט שיינע תשובות ברורות ווען דער דיין שליט"א איז צוריקגעקומען.

# רייכע דרשות לרגל ימי בין המצרים בהיכל הישיבה

אין אנהייב פון די דריי וואכן ימי בין המצרים איז פארגעקומען א דרשה דורך הרה"ג ר' יעקב שמעון ראבינאוויטש שליט"א בעניני ימי בין המצרים, צפית לגאולה, און נאך.

אזוי אויך איז פארגעקומען א דרשה דורך הרה"ג דומ"ץ דקהילתינו הק' ור"מ בישיבתינו הק' שליט"א הלכות ימי בין המצרים הלכה למעשה, ובעניני דיומא.

# יומדהק"ל של רבינו העט"צ זי"ע י"א תמוז געפראוועט מיט גרויס דערהויבנקייט

פארלאפענעם דאנערשטאג חקת בלק ביינאכט אור"י י"א תמוז יומדהל"ק של רביה"ק שר בית הזוהר העטרת צבי זצוק"ל איז פארגעקומען א מסיבת לחיים רבתי לרגל ההילולא בראשות נכדו הרה"ג ר' משה דוד לאבין שליט"א ראש ישיבת דברי חיים קר"י ומרביץ תורה בקהילתינו הק' וואו מען האט מעלה געווען סיפורים ועובדות פונעם בעל ההילולא, און מען האט געזינגען די ניגונים פונעם צדיק.

אויפצומארגנס נאכמיטאג ביומדהל"ק איז פארגעקומען א הדלקת המדורה כמנהג רביה"ק הסב"ק זצ"ל שהדליק מדורת אש לכבוד נשמת צדיקים ביומא דהילולא.

די הדלקה איז געפראוועט געווארן בראשות הרה"ג דומ"ץ דקהילתינו הק' ק"י שליט"א ור"מ בישיבתינו הק'. דער דיין שליט"א האט קודם אויפגעטרעטן מיט דיבורים בגודל קדושת היום מפי ספרים וסופרים, און נאכגעזאגט די רמז פונעם מונקאטשער רב זצ"ל גדלו לד' את"י.

און דערנאך האט מען פארקויפט די זכות הדלקה פאר בלעטער לימוד התורה ביז די יומדהל"ק פון רביה"ק זצ"ל הבעל"ט, און עס האט זיך ארויפגעצויגן אין די הונדערטער ציפערן.

נאכ'ן אנצינדן די הדלקה האט מען זיך ארויסגעלאזט אין פייערדיגע ריקודין בר יוחאי וכו', ווען אינצווישן האט די דיין שליט"א משמיע געווען דברי תורה בגודל היום, נאכדעם איז פארגעקומען א מסיבת לחיים.

# ט"ו תמוז יומדהל"ק פונעם הייליגן אור החיים הק' זי"ע מיט גרויס התעוררות בהיכל הישיבה

די ערשטע נאכט האט מען זיך צוגעהערט צום ברכת קדשו פון כ"ק מרן רבינו שליט"א ריש מתיבתא קדישא דורך א לייוו הוק אפ וואס רבינו שליט"א האט משמיע געווען ביים מעמד בוקע רקיעים שע"י מכון תורת אור החיים.

דעם קומענדיגן טאג נאכמיטאג איז געפראוועט געווארן א מסיבת לחיים רבתי דורך הרה"ג ר' חיים הערש מענדלאוויטש שליט"א מו"ל ספרי שפתי חן וואו ער האט ארומגערעדט במשנתו של בעל הילולא.

# הערליכע שמחת החתונה ומסיבת שבע ברכות לבת הר"מ הרה"ג ר' יואל גאנדל שליט"א

פארלאפענעם מיטוואך חוקת בלק העעל"ט האבן תלמידי ישיבתינו הק' זיך מיטגעפרייט בשמחת החתונה של בת הר"מ הרה"ג ר' יואל גאנדל שליט"א וואו די בחורים האבן מרקד געווען ריקודין בראשות די רמ"י הישיבה, און אזוי אויך האט די מגי"ש שליט"א געטאנצן מיט יעדע בחור עקסטער.

מוצש"ק איז אפגעראכטן געווארן א הערליכע מסיבת שבע ברכות מיוחד לתלמיד הישיבה, וואו חשובע בחורים האבן אויפגעטרעטן לרגל השמחה, הבה"ח דוד שטיין ני"ו, הבה"ח אלי' שטיין ני"ו, הבה"ח חנינה אברהם שטערן ני"ו.

אזוי אויך האבן אויפגעטרעטן הרה"ג המנהל שליט"א, הרה"ג דומ"ץ ור"מ בישיבה שליט"א, און די בעלי שמחה הרה"ג המגי"ש שליט"א, און אביו הרב החסיד ר' נתן גאנדל שליט"א.

## גאר דערהויבענע שבתים ווערן געפראוועט בהיכל הישיבה

פארגאנגענעם שב"ק נשא ב' העעל"ט האט געווייל"ט אין ישיבה, הרה"ג ר' יעקב שמעון ראבינאוויטש שליט"א מרביץ תורה בקהלתינו במאנסי וועלכער האט ארומגערעדט בעניני הפרשה, ובשירה ובזמרה.

שב"ק שלח העעל"ט שבת הילולא קדישא פון רביה"ק השרף זצ"ל איז געקומען צו פארן פון קרית טאהש בשליחות הק' הרה"צ ר' יודא יחיאל גרינוואלד שליט"א חדב"ן כ"ק מרן רבינו שליט"א וואס האט געפראוועט דעם שב"ק מיט א דערהויבענקייט. שב"ק צופרי איז פארגעקומען א קידושא רבה לרגל ההילולא קדישא, און מוצשב"ק איז פארגעקומען א סעודת הילולא קדישא ומלוה מלכא וואו מען האט מאריך געווען במשנתו של בעל הילולא, און איבער די געוואלדיגע מדריגות בלימוד התורה פונעם בעל הילולא וואס איז אונז מחייב.

שב"ק פר' חוקת-בלק העעל"ט איז געווען צוגאסט הרה"ג ר' יעקב ווייס שליט"א נכד רביה"ק זצ"ל ור"מ בישיבת תורת ישראל פארשעי וואס האט ארומגערעדט בדיבורי תורה וחסידות על הפרשה ועוד.

שב"ק מטות-מסעי העעל"ט האט הרה"ג ר' אלתר משה כהנא שליט"א ר"מ בישיבה קטנה געפירט דעם שב"ק, און האט מאריך געווען בענין צפיית לישועה, וביאת המשיח.

שב"ק דברים העעל"ט האט געפראוועט הרה"צ ר' יעקב סג"ל שליט"א בן כ"ק רבינו שליט"א וואס האט גאר שטארק גערעדט איבער די זכיה צו לערנען בישיבה של רבי, און איבער די ימי בין המצרים, פון וואס די בחורים האבן גאר שטארק הנאה געהאט.

## מיטוואך פר' דברים - ר"ח אב

אינדערפרי האט זיך רבינו שליט"א משתתף געווען ביים שמחת הברית מילה פון בן הרב יוסף מאיר הערשקאוויטש שליט"א מנהל בית צירל בביתו. דער רבי איז מכובד געווארן מיט סנדקאות, נאכן ברית האט דער רבי געבענטשט די קינד, געמאכט א לחיים, און ווארעם אנגעוואונטשן פארן בעל שמחה און בני משפחה.

⋄

נאכמיטאג איז דער רבי אריינגעקומען צום שלחן הטהור לכבוד ראש חודש בהיכל ביהמ"ד הגדול, דער רבי האט געצינדן ליכט און זיך געוואשן, געטיילט שיריים פון אלע מאכלים.

מען האט געזינגן פאסיגע ניגונים לכ' ר"ח אב, ניגוני גלות וגאולה. און דער רבי האט משמיע געווען דברות קודש.

ביים טיש איז אויך פארגעקומען די סעודת ברית פון בן הרב יוסף מאיר הערשקאוויטש שליט"א, מיט יום ליבשה איז מכובד געווארן דער זיידע הרה"ח ר' נחמי' צבי שווארץ הי"ו. מוה"ר יצחק נחום האמבורגער הי"ו משב"ק האט געמאכט די מי שברך.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען כ"ק אדמו"ר מ'האדאס שליט"א. די הרחמן'ס איז צוטיילט געווארן צווישן די ברידער'ס פונעם בעל שמחה, און הרה"ג ר' אברהם שלמה פאפלאנאש שליט"א.

שיר המעלות הב' חיים יחזקאל דוב בה"ר אלימלך סג"ל לאווען נ"ו.

## שב"ק פר' דברים

פארן זמן הדלה"נ איז דער רבי ערשינען אין ביהמ"ד הגדול, געצינדן די ליכט ביים עמוד און די ליכט לע"נ רביה"ק זי"ע, דערנאך אראפ בהיכל ישיבה גדולה און געצינדן די נרות שבת, און געזאגט שיר השירים אינאיינעם מיט תלמידי ישיבה גדולה, דערנאך געוואונטשן א גוט שבת.

צו תפילת מנחה איז צוגעגאנגען כ"ק אדמו"ר מ'האדאס שליט"א, דער רבי איז צוגעגאנגען צו קבלת שבת. נאכן דאווענען איז דער ציבור אריבער דעם רבי'ן וואונטשן א' גוט שבת.

⋄

ביים שלחן הטהור אינאיינעם מיט תלמידי ישיבה גדולה ואורחים החשובים בהיכל הישיבה זענען מכובד געווארן מיט הגבהת הכוס צו קידוש הרה"ג ר' אלכסנדר בלויא שליט"א ר"מ ישיבת סקווירא מאנטריאל.

במשך די סעודה האט דער רבי משמיע געווען דברות קודש ספעציעל פאר די תלמידי הישיבה.

שפעטער ביים שלחן הטהור בהיכל ביהמ"ד הגדול זענען מכובד געווארן מיט די זמירות: הגה"צ ראב"ד סקווירא שליט"א, האדמו"ר מ'תולעת יעקב שליט"א, הרה"ג דומ"ץ סקווירא שליט"א, הרה"צ רבי חיים יחזקי' פיש שליט"א פון וומסב"ג נכד רביה"ק זי"ע, הרה"ח ר' חיים שלום טובי' גדלי' פעקעטע הי"ו פון קרית יואל, הרה"ג ר' יודל שפיטצער שליט"א פון מאנטריאל.

דער רבי האט פארגעלערנט בספה"ק נועם אלימלך, און דערנאך ממשיך געווען מיט דברות קודש.

ברהמ"ז על הכוס הגה"צ ראב"ד סקווירא שליט"א, שיר המעלות הב' ישעי' ארי' לייב ב"ר זיידא ישראל חיים הערשקאוויטש נ"ו.

שבת נותנים לו הרב מרדכי מערץ שליט"א פון וומסב"ג, נכד רביה"ק זי"ע.

נאכן טיש האבן די בחורים אהיימבאגלייט דעם רבי'ן און נאכגעזאגט דברי תורה אויפן וועג אנקומענדיג אהיים האט דער רבי געוואונטשן א' גוט שבת.

⋄

שבת אינדערפרי האט דער רבי פארגעזאגט ספר תהלים ביים עמוד כנהוג. צו פסוקי דזמרה איז צוגעגאנגען הרה"ח ר' בנימין פישער הי"ו, שחרית האט געדאווענט הרב יוסף צבי קליין הי"ו.

די עליות האבן עולה געווען: כהן הרה"ח ר' בנימין פישער הי"ו, לוי הגה"צ ראב"ד סקווירא שליט"א, שלישי הרה"ח ר' נתנאל מאיר הערשקאוויטש הי"ו, רביעי הרב יוסף צבי קליין הי"ו, חמישי מוה"ר שמחה סאמעט הי"ו פון מאנטריאל, ששי הרב אהרן הערש שטעסל שליט"א מנהל בת"ת, שביעי מוה"ר

ישׂשכר יודא פאסטערנאק הי"ו פון מאנטריאל, הוספות: הרה"ג ר' יודל שפיטצער שליט"א פון מאנטריאל, הרה"ג ר' אלכסנדר בלויא שליט"א פון מאנטריאל. אחרון הרה"ג דומ"ץ סקווירא שליט"א.

פאר מפטיר האט דער רבי געמאכט די מי שברך לחולי ישראל, און דער רבי האט עולה געווען מפטיר. הגבה הרה"ח ר' חיים שלום טובי' גדלי' פעקעטע הי"ו פון קרית יואל. גלילה מו"ה שלום פולטמאן הי"ו פון מאנטריאל.

דער רבי איז צוגעגאנגען צו תפילת מוסף. פתיחה צו אנעים זמירות מוה"ר שאול פיש הי"ו פון קרית יואל.

✧

ביים שלחן הטהור אינאיינעם מיט די תלמידי ישיבה גדולה ואורחים החשובים איז מכובד געווארן מיט הגבהת הכוס צו קידוש הר"ר יודא דוד סאפרין הי"ו פון מאנסי.

אז ביום השביעי הרה"ח ר' יהוסף יואל סג"ל קרויס הי"ו פון מאנטריאל. ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען הרה"ג ר' אלכסנדר בלויא שליט"א, שיר המעלות הב' שלום בה"ר יואל בער לאבין ני"ו תלמיד ישיבה גדולה.

נאכן טיש האבן די בחורים אהיימבאגלייט דעם רבי'ן און געזאגט דברי תורה אויפן וועג, אנקומענדיג אהיים האט דער רבי געוואונטשן 'א גוט שבת'.

✧

שבת נאכמיטאג האט פארגעלערנט פרקי אבות בהיכל ביהמ"ד הגדול הגה"צ ראב"ד סקווירא שליט"א.

צו תפילת מנחה איז צוגעגאנגען מוה"ר שלמה יואל גרינהוט הי"ו. די עליות האבן עולה געווען: ראשון מו"ה משה אהרן מערמעלשטיין הי"ו, שני מוה"ר יעקב יוסף ניישטאט הי"ו פון מאנטריאל, שלישי מוה"ר מנחם נחום שפיטצער הי"ו פון מאנטריאל, הגבה כ"ק אדמו"ר מ'האדאס שליט"א, גלילה הרב מרדכי מערץ שליט"א פון וומסב"ג נכד רביה"ק זי"ע.

קידוש ביי סעודה שלישית האט דער רבי מכבד געווען כ"ק אדמו"ר מ'תולעת יעקב שליט"א. דער רבי האט משמיע געווען דברות קודש.

מיט די זמירות זענען מכובד געווארן: מוה"ר שאול פיש הי"ו פון קרית יואל, מוה"ר זלמן לייב קרויס הי"ו פון מאנטריאל, הרה"ח ר' יעקב שמואל סג"ל קרויס הי"ו, מוה"ר יואל הערש פריעד הי"ו פון וומסב"ג.

מען האט געזינגען ספעציעלע ניגוני גאולה לכבוד שבת חזון.

דער רבי האט געבענטשט ברהמ"ז על הכוס, הגבהת הכוס הרה"ח ר' יודא לייב לעפלער הי"ו פון מאנטריאל. שיר המעלות הב' חיים אלעזר ב"ר ישראל מרדכי פעלבערבוים ני"ו תלמיד ישיבה גדולה.

דער רבי איז צוגעגאנגען צו תפילת מעריב, דערנאך געמאכט הבדלה, הגבהת הכוס צו הבדלה הב' יעקב יוסף ב"ר ראובן מנחם שווארץ ני"ו תלמיד ישיבה גדולה, די הבדלה האט געהאלטן מו"ה שלמה חיים בוקסבוים הי"ו פון מאנטריאל.

דער רבי האט מכבד געווען הגה"צ ראב"ד סקווירא שליט"א, און הרה"ח ר' עקיבא צבי עזרא קליין הי"ו, צו דערציילן סיפורים.

דערנאך האט דער רבי אויפגענומען קבלת קהל לברך ולהתברך בחדר הפרטי בבנין הישיבה.












מזון הנפש

בעזהשי"ת

# סדר הלימודים

במסגרת החבורות שע"י קהילתינו הק'

## = פרשת עקב =

| | ז' עמודים - מסכת מנחות | | ה' עמודים - מסכת סנהדרין | |
|---|---|---|---|---|
| | לימוד היום | חזרת השבוע | לימוד היום | חזרת השבוע |
| שב"ק ואתחנן | דף יג. | דף ט: | חזרה | חזרה |
| זונטאג | דף יג: | דף י. | דף ל. | דף כו: |
| מאנטאג | דף יד. | דף י: | דף ל: | דף כז. |
| דינסטאג | דף יד: | דף יא. | דף לא. | דף כז: |
| מיטוואך | דף טו. | דף יא: | דף לא: | דף כח. |
| דאנערשטאג | דף טו: | דף יב. | דף לב. | דף כח: |
| עש"ק | דף טז. | דף יב: | חזרה | חזרה |

בחינה הבאה ביום א' שופטים
חבורת ז' עמודים - תחילת המסכת – טז:
חבורת ה' עמודים - כג. – לב.

הערליכע שיעורים לימוד וחזרה, שואל ומשיב, ווי אויך צו טרעפן א חברותא
רופט קול איחוד טאהש
514-500-8674 - 718-451-8674
ביי 1-4 פון די מעין מעניו

# פרנס

השיעורי תורה על
'קול איחוד' לשבוע הבעל"ט

נתנדב לע"נ
הרה"ח ר' **מרדכי** ב"ר **אברהם יודא** ע"ה **ווייס**

יארצייט ביום ט"ז אב
ה' עקב - הבעל"ט

זכות השיעורי תורה דרבים יעמוד
לו ולזרעו להתברך בכל הברכות
הכתובה בתורה עד עולם אמן

# קול איחוד טאהש

מקושר פון איבעראל

718.451.TOSH | 514.500.TOSH

| | |
|---|---|
| 718.451.8674 | 514.500.8674 |
| 0.333.015.0715 | 079.704.0074 |

קולו בקודש מרביה"ק זי"ע | דברות ושיחות קודש מרבינו שליט"א | דרשות | שיעורים | חבורות
מעמדים | מאורעות | מודעות | שמחות | אינטערוויו'ס | מזון הנפש | עזר לתושבים
מעמבער אפטיילונג | ואטהר ואתקדש | קהילות ומוסדות | פרנסה ביחד | ועוד

די לעצטע געלעגנהייט אריינצושיקן בריוון,
מודעות, און מזל טוב'ס פארן גליון, איז:
**מיטוואך 12:00 מיטאג**


איחוד תלמידי וחסידי טאהש

יו"ל ע"י
# איחוד תלמידי וחסידי טאהש
פילצאליגע פראיעקטן צו פאראייניגן און סערווירן אנשי שלומינו

P: 718.451.8674 EXT. 80 | F: 845.610.8674
11 Van Buren Dr. #205 Monroe N.Y. 10950


גליון באור החיים | להתאחד בחורי אנ"ש | קול איחוד טאהש | חברה ש"ס | מתאחדת בלעטל | טעלעפאון ביכל | פרנסה ביחד